№ 22 Należytość pocztowa opłacona ryczałtem. פינפטער יאָהרגאַנג. פרייז 20 גראשען „CZĘSTOCHOWER CAJTUNG".

טשענסטאָכאָווער צייטונג

ערשיינט יעדען פרייטאָג.
רעדאַקציע און אדמיניסטראַציע
ערשטע אַלעע 6. טעלעפאָן 201.

אַנאָנסען-פּרייז:
פאַר א מילימעטער שורה
פאַר'ן טעקסט 24 גראָשען נאָכ'ן טעקסט 18 גראָשען.
אין טעקסט 60 גראָשען.
פאַר'ן אינהאַלט פון די אנאָנסען איז די רעד. נישט פעראַנטוואָרטליך.

אַבאָנאַמענטס-פּרייז
א נומער 20 גראָשען.
אדרעס פון רעדאַקציע און אדמיניסטראַציע:
Częstochowa, Aleja 6. telefon 201.

Wtorek, dnia 18 maja 1926
דינסטאָג פ' נשא ערב-שבועות תרפ"ו.

צוליב יום-טוב וועט דער נעכסטער נומער פון אונזער צייטונג ערשיינען ערשט פרייטאָג, ד. 28 מאַי. דער היינטיגער נומער ענטהאַלט 6 זייטען.

דער ניי-ערעפענטער פריזיר-אַנשטאַלט
„SANITAS", Częstochowa, Aleja № 7
עמפפעהלט זיך צו אַלערארט פריזיר-אַרבייט.
ספּעציעלע סאַלאָנען פאַר פרויען און הערען. איינגעאָרדענט מיט'ן גרעסטען קאָמפאָרט און נייעסטע איינריכטונגען.
עלעקטרישע מאַסאַזשען און מאַניקורע אויסגעפיהרט דורך ספּעציאַליסטען. אָנדולאַציע, פאַרבען די האָר א.א.וו.
לייטונג: ל. ברזעזשינסקי.

Gimnazja Tow. Żydowskich Szkół Średnich
w Częstochowie.
Egzamina wstępne do klas B. C. i klas gimnazjalnych I.—VII. odbędą się w dwóch terminach od 25.—27. maja i od 8.—11. czerwca r. b.
Zgłoszenia przyjmuje kancelarja gimnazjów w godzinach przedpołudniowych. DYREKCJA.

די גימנאַזיעס
פון דער געזעלשאַפט פון יודישע מיטעל-שולען אין טשענסטאָכאָוו.
די איינטריטס-עקזאַמענס אין די קלאַסען B און C אויך די גימנאַזיאַלע קלאַסען פון I—VII וועלען פאָרקומען אין צוויי טערמינען פון 25—27 מאַי, און פון 8—11 יוני ד. י.
איינשרייבונגען נעמט אָן די קאַנצעלאַריע פון די גימנאַזיעס אין די פאָרמיטאָג-שעה'ן. די דירעקציע.

Oświadczam niniejszem że ogłoszenie umieszczone w № 20 „Czenstochower Cajtung" w kwestji upustu 30% od recept dla członków Stowarzyszenia Drobnych Kupców, opublikowane zostało bez mojej wiedzy, i takowe nie obowiązuje mnie.
Właściciel Apteki na Nowym Rynku
Z. SZOSTAKIEWICZ.

דערמיט ערקלער איך, אז די בעקאַנטמאַכונג, וועלכע איז געווען געדרוקט אין נר. 20 „טשענסטאָכאָווער צייטונג", אז איך ערטייל 30% הנחה פון רעצעפּטען פאַר די מיטגליעדער פון קליינהענדלער-פעראיין, איז פערעפענטליכט געוואָרען אָהן מיין וויסען, און פערפליכטעט מיך, דאַריבער נישט.
איינגענטימער פון דער אַפּטייק אין נייעם מאַרק
ז. שאָסטאַקעוויטש.

Szkoła Rzemiosł dla Żydów
w Częstochowie
podaje do wiadomości, że przyjmuje zapisy na rok szkolny 1926/27 od d. 15. maja b. r.
Rok szkolny rozpoczyna się z dniem 25 sierpnia.
Warsztaty szkolne wykonywują wszelkie roboty wchodzące w zakres stolarstwa i ślusarstwa, prędko, solidnie i po cenach przystępnych.

נישט צורייסבאַר
זענען בערסאָנ'ס
אָבצאַסען און זוילען.
וייער עלאַסטישקייט לאָזט זיך נישט פערגלייכען מיט דער עלאַסטישקייט פון וועלכע ס'איז אנדערע פאַבריקס-מאַרקען, וייער דויערהאַפטיגקייט שטייט איבער דרייפאַך לעדער.
הייל צו בערסאָן ווערען בענוצט רויה-שטאָפען פון די בעסטע זאָרטען, זענען זיי פיעל בילינער ווי לעדער.
אין אייגענעם אינטערעס הערט געבעטען צו פערלאַנגען נאָר די עכטע בערסאָנ'ס.
אָבצאַסען און זוילען „בערסאָן" זענען די בעסטע.

א הארציגען מזל-טוב!
ווינשען מיר אונזער פריינד ה' חיים קאַלקא און פרוי צו די תנאים פון זייער זוהן יצחק משה מיט פרל. העלא שוואַרץ פון נאָוואָראַדאָמסק.
שלמה קרויסקאָפף, משה טענענבוים,
הירשל געלבאַרד, יעקב יוסף צימערמאַן.

Szkoła koedukacyjna
i freblówka
ZOFJI WAJNSZTOKÓWNY
w Częstochowie, Piłsudskiego 13
zawiadamia Rodziców i Opiekunów, iż przyjmuje zapisy na rok szkolny 1926/7.
Egzamina systemem lekcyjnym, począwszy od 1 czerwca r. b. Kancelarja otwarta codziennie od 9—13 i od 16—18.
Uwaga: Do przedszkola przyjmuje się dzieci od lat 3-ch.

אינ'ס רענטגען-אינסטיטוט פון
ד"ר אַרנאָלד בראַם אין טשענסטאָכאָוו קאָשטשושקי 1
ווערען אויסגעפיהרט אויסער דיאַגנאָסטישע דורכלייכטונג און הייל-בעלייכטונג מיט רענטגען-שטראַהלען נאָך פאָלגענדע הייל-מעטאָדען:
בעלייכטונג מיט קוואַרץ-לאַמפּען, היילונג דורך דיאַטערמי און פערשידענע עלעקטריזאַציעס, צום פּרייז פון 2,50 ביז 5 זל.

טעאַטער „אָדעאָן" אַלעע 27.
פּראָגראַם פון דיענסטאָג, ד, 18 ביז פרייטאָג, דעם 21 ד. ח.
אויפ'ן עקראַן
א גרויסער נייער
פּראָגראַם
אויף דער סצענע: נייע אַרטיסטען:
לודוויק
לודוויקאָווסקי,
דער קעניג פון די פּוילישע הומאָריסטען.
און א סענסאַציע! מעסאַליני ? ?
איינצעלהייטען אין די פּראָגראַמען און אַפישען.

Pospieszna Pralnia Bielizny oraz Chemiczna
p. f. „JADWIGA"
w Częstochowie, Strażacka 17
przyjmuje bieliznę sztywną, miękką, jak również garnitury, kostjumy, palta gumowe, męskie, damskie i dziecinne, swetry i jedwabie po cenach bardzo przystępn.

Przezorna gospodyni używa tylko mydła
„Jeleń-Schicht"
Tanie przez swą wydajność

יעדע ווירטין
דאַרף וויסען
אז די מאַטש צו פּאָדלאָגעס
„Jaśniej słońca"
גיט צו די פּאָדלאָגעס, פּאַרקעטען און ליגאָלעאום א שיינעם און דויערהאַפטיגען גלאַנץ אָהן בענוצען זיך מיט בערשטען.
„Jaśniej słońca"
ערזעצט אייל-פאַרב, פאַרבט הייסע פּאָדלאָגעס אין פערלויף פון א שעה אויף די פאַרבען פּאַליסאַנדער און טינקעל-ברוינע.
פּרובט און איהר וועט זיך איבערצייגען!
פערקויף אין אַלע סקלאַד - אַפּטעקען, וויין און פאַרב-געשעפטען.

TANIE-TRWAŁE-ELEGANCKIE
dla codziennego użytku, gimnastyki i plaży.
OBUWIE
LUDOWE „PEPEGE"
SPORTOWE „PEPEGE"
TENISOWE „PEPEGE"
„PEPEGE" POLSKI PRZEMYSŁ GUMOWY Tow. Akc. w GRUDZIĄDZU.

פאַקען שטעלען
פון פרישע קראַנקען
פעלדשער דוד ווינדמאַן וואַרשאַ-ווער 31.

אַנטי-סעפּטיש, קאָסמעטיש
הויז-מיטעל
א חוץ אַנדערע מעלות בצווייטינט דעם נישט אנגענעהמען ריח פון מויל, רייניגט אב די הויט נאָכ'ן ראַזירען, אונבעדינגט נויטיג פאַר ספּאָרט-לייט, אויף דער רייזע א.ז.ח.

פאָלק און קולטור.

היום הזה נהיית לעם.

אויב אלע אונזערע ימים-טובים טראַגען אויף זיך דעם שטעמפּעל פון אונזערע היסטאָרישע געשעהענישען, און האָבען זעהר װיכטיגע בעדײַטונגען פאר אונזער נאציאָנאלען קיום,—האט געװיס דער יום-טוב שבועות די העכסטע בעדײַטונג אין דעם זין, צוליב דעם גרויסען אקט פון קבלת-התורה װאס איז אין דעם טאָג פאָרגעקומען.

פאָלק און קולטור—אײנס איז מיט'ן צװײטען צונויפגעבונדען, און אײנס אָהן צװײטען קען נישט עקזיסטירען.

א פאָלק מוז א אײַגענע נאציאָנאלע קולטור האָבען, אין אָהן דעם קען דאס אלס פאָלק נישט בעטראַכט װערען. א קולטור מוז איהרע טרעגער און נאכפאָלגער האבען, און אויב נישט—װערט זי פערגעסען און געהט אונטער.

פיעל קולטורען װאס האָבען מיט הונדערטער און טויזענדער יאָהרען צוריק גאנצע פעלקער און קעניגרײַכען ארומגענומען, זענען מיט דער צײַט אונטערגעגאנגען און פערגעסען געװאָרען, אזוי אז ס'איז פון זײַ געבליבען א זכר בלויז אין די איכיװען אלס אַלטע אָבגעלעבטע פּראָבלעמען. און דאס איז געװען דערפאר װײַל זײַערע טרעגער זענען נישט געװען אדורכ-געדרינגען מיט דער גאנצער פיעט-קײַט פון זײַער נשמה פאר דער דאָזיגער קולטור, און זענען איהר נישט געבליבען טרײַ װען דער חינוך האָט אין א אנדער זײַט א בלאָז געטהון.

די קולטור איז אונטערגעגאנגען און צוזאמען מיט איהר אויך איהרע טרע-גער װאס האָבען אויפגעהערט צו עק-זיסטירען אלס פאָלק, און זיך אסימי-לירט צװישען אנדערע פעלקער און פרעמדע קולטורען.

דער יסוד פון דער יודישער קולטור איז די תורה, װאס איז געװען די ער-שטע קולטורעלע געזעצגעבונג פאר דער מענשהײַט, איהרע גרונד-גע-זעצען זענען דורך דער גאנצער מענש-הײַט אָנגענומען און אנערקענט געװא-רען אלס די יסודות אויף װעלכע זי קען לעבען און זיך ענטװיקלען, און אלס אזאלכע איז זי געבליבען ביז'ן הײַנטיגען טאָג בײַ אלע קולטורעלע פעלקער.

אלס ספּעציפיש יודישע איז אָבער תורת משה נאָר דורכ'ן יודישען פאָלק אָנגענומען געװארען אין איהר רײַנ-הײַט און גאנצהײַט. און דער צײַט װען אנדערע פעלקער האבען פון איהר אויסגעקליבען נאָר דאס װאס ס'איז זײ געפעלען און צו װעלכען זײ האבען געקענט צופּאסען זײַערע לעבענס בע-דינגונגען.

דאס יודישע פאָלק, דאס עם קשה עורף האט זיך פעסט אין איהר קול-טור געהאלטען, אין פײַער און װאסער איז מיט איהר געגאנגען און אין אלע גלות-לענדער זי מיטגענומען, און די שװער-סטע בעדרינגונגען זי אָבגעהיטען און געפלעגט, און נאָר א דאנק דעם איז דאס יודישע פאָלק טראָץ די גרעסטע פערפאָלגונגען און די שרעקליכע רדיפות, ביז'ן הײַנטיגען טאָג א פאָלק געבליבען.

דאס איז פאר אונז דער יום-טוב שבועות, דער זמן מתן תורתנו, דער טאָג װען מען האט אונז א תורה גע-געבען. א קולטור געשאפען. און אונז פאר א פאָלק געמאכט. װאס מיר זע-נען ביז'ן הײַנטיגען טאָג, און װאס מיר װעלען זײַן אזוי לאנג װי מיר װעלען אונזער קולטור און איהר טראדיציא-נעלער רײַנהײַט אָבהיטען.

י. פ.

די געשעהענישען אין װאַרשא.

נאך דעם װי דער מארשאל פּיל-סודסקי איז מיט זײַן מיליטער ארײַן קײַן װארשא, זענען נאך פארגעקומען גאסען-קאמפען צװישען דעם מיליטער פון מארשאל פּילסודסקי און דעם מי-ליטער װאס איז טרײַ געבליבען דער רעגירונג.

די גרעסטע צאָהל פון מיליטער האט זיך אָבער געשטעלט אויף דער זײַט פון מארשאל פּילסודסקי, און במשך דעם פרײַטאָג'דיגען טאָג האט דאס מיליטער פון מארשאל בעהערשט די גאנצע שטאדט, איבערגענומען דעם ציטאדעל און אלע רעגירונגס-אמטען, און אלעם בעזעצט דורך מענשען װאס זענען טרײַ דעם מארשאל.

װארשא איז געװען די גאנצע צײַט אָבגעריסען פון דער פּראָװינץ, װײַל אונטער װארשא זענען פארגעקומען קאמפען מיט דעם מיליטער װאס איז אָנגעקומען פון פּויזנער קאנט צוהילף דער רעגירונג, די קאמפען זענען גע-װען העפטיגע און האבען זיך פערצױ-גען ביז שבת גאנצע מיטאג.

ערשט שבת דעם 15 איז ארויסגע-געבען געװארען א קאָמוניקאט אז דער מלוכה-פּרעזידענט האט זיך אָבגעזאגט פון זײַן אמט און װיטאָס'עס רעגירונג איז אויפגעלעזט געװאָרען, דאס הײַסט אז די אלטע רעגירונג האט זיך אונ-טערגעגעבען.

לויט דער קאָנסטיטוציע ערפולט דער סײַם-מארשאלעק ראטאַי צײַטװײַליג די פליכטען פון מלוכה-פּרעזידענט און די נאָהנטסטע טעג זאלען פארקומען װאהלען פון א מלוכה-פּרעזידענט.

עס איז באלד געשאפען געװאָרען א נײַע רעגירונג אין װעלכער פּרעמיער איז פּראָפ. ד"ר באַרטעל, און מאר-שאל פּילסודסקי—קריגס-מיניסטער, און די נײַע רעגירונג האט שוין ארויסגע-געבען איהרע פעראָרדנונגען צו זיכ-ערן די װײַטערע רוה און אָרדנונג אין לאנד.

זונטאג 12 א זײַגער בײַטאג איז אין דער סײַם-געבײַדע פארגעקומען א פײַערליכע צערעמאָניע װען אלע מיטגלידער פון דער נײַער רעגירונג האבען אָבגעגעבען א שבועה.

לויט דער װארשאװער פּרעסע דער-גרײַכט די צאָהל פון די געהרג'עטע אין משך פון דעם קאמף 205 און פערװאונדעטע 966 פּערזאָן.

אין װארשא איז די לאגע שוין אינ-גאנצען בעהערשט און אין דער שטאדט הערשט פולקאָם רוה.

בײַ אונז אין שטאָדט איז די בע-פעלקערונג געװען געשפּאנט צו װיסען װאס עס קומט פאר אין װארשא, אי-בערהויפּט נאכדעם װי די באהן קאָמו-ניקאציע איז געװען נאָר ביז פּיעטרי-קאָװ, און אין דער שטאדט האבען זיך געפונען גרעסערע מיליטער-אָבטײלונ-גען, אָבער די רוה און אָרדנונג איז מיט קײַן זאך נישט געשטערט געװא-רען. די בעפעלקערונג האט שפּאצירט אין די גאסען גאנץ נאָרמאל. און יע-דער איז נאָר געװען נײַגעריג צו װי-סען װאס עס הערט זיך אין װארשא.

שבת נאכמיטאג איז שוין בעקאנט געװאָרען א אָפיציעלער קאָמוניקאט, אז דער פּרעזידענט מיט דער רעגירונג האבען זיך אָבגעגעבען אין רעזיגנאציע, און עס װערט געשאפען א נײַע רעגי-רונג. די בעפעלקערונג האט זיך בע-רוהיגט, װײַל פון דעם איז געװען צו פערשטעהן אז אויך אין דער רעזי-דענץ װעט װערען רוהיג.

די צוגען האבען באלד אָנ-געהויבען קורסירען װײַטער ביז סקער-ניעװיץ, און זונטאג זענען שוין אָנגע-קומען די װארשאװער צײַטונגען װעל-כע קומען שוין אָן נאָרמאל, נאָר פון דער באהן װערען זײַ גלײַך איבערגע-געבען צום צענזור און נאכ'ן צענזורירען װערען זײַ ערלויבט צו פערקויפען.

דער צװישען שטאדטישער טעלע-פאָן האט אויך שוין נעכטען מיטאג אָנגעהויבען פונקציאָנירען פאר פּרי-װאטע געשפּרעכען.

ידיעות פון ארץ-ישראל.

— צו די פּאלעסטינא-אמטען איז פון ירושלים ארויסגעשיקט געװאָרען א מעלדונג אז די אלע װעלכע װילען קומען קײַן ארץ-ישראל אויף שבועות קענען בעקומען די זעלבע טוריסטען-װיזעס מיט די זעלבע ערלײַכטערונ-גען װעלכע ס'האָבען בעקומען די פּסח-טוריסטען. די געװעהנליכע פאר טעליסטען װעלען נישט נויטיג זײַן, װײַבאלד דער ענטשפּרעכענדער רעגי-רונגס-אנשטאלט װעט בעקומען די פערזיכערונג, אז דער טוריסט װעט נישט פּרובירען צו בלײַבען דאָ מעהר װי ס'איז איהם ערלויבט.

— פון דער סטאטיסטיק װאס די הויפּט-ביוראָ פון יודישען נאציאָנאל-פאָנד האט פערעפענטליכט איז צו זעהען אז איבער 22 פּראָצענט פון אלע נאציאָנאל-פאָנד-הכנסות פאר די ערשטע 6 חדשים פון איצטיגען פי-נאנס-יאהר (אָקטאָבער—מערץ) זענען געקומען פון די נאציאָנאל-פאָנד-פּוש-קעס. אלע הכנסות צוזאמען האבען בעטראָגען 132,003 פונט. 29,940 פונט פון זײַ זענען געקומען פון די פּושקעס.

אין אײַניגע לענדער זענען די אײַנ-קונפטען פון די פּושקעס געװען נאך גרעסער. אין רומעניען זענען זײַ גע-װען 60 פּראָצענט, אין טראנסילװא-ניען—55, אין דײַטשלאנד—41, אין ענגלאנד—35. די ציפערען זענען א איבערצײַגענדער בעװײַז װי װיכטיג די פּושקע איז אלס זאמעלמיטעל.

— עס איז זעהר מעגליך, אז די א"י רעגירונג װעט נעמען אין בע-טראכט די בקשה פון דער הינער ציוניסטישער עקזעקוטיװע און ענדע יוני װעט זי ארויסגעבען נאך א בע-דײַטענדע צאָהל אימיגראציאָנס-סערטי-פיקאטען פאר די מאָנאטען אפּריל-סעפּטעמבער, אויסער די 2500 סער-טיפיקאטען, װעלכע זי האט שוין ארויס-געגעבען צו דער זעלבער עקזעקוטיװע פאר דעם זעלבען פּעריאָד.

אויפ'ן גרונד פון אונטער-האנדלונגען צװישען דער עקזעקוטיװע און דער רעגירונג שײַנט עס, אז די רעגירונג איז צופרידען צו לאָזען פאר דער עקזעקוטיװע די רעכט צו פער-טײלען די דערמאהנטע סערטיפיקאטען צװישען פאך און נישט פאך-ארבײַטער.

— װי ס'איז צו זעהען פון די אָפיצי-יעלע בעריכטען פאר דעם מאָנאט מערץ 1926, זענען אין פערלויף פון דעם מאָנאט ארײַנגעלאָזען געװאָרען אין לאנד 2466 אימיגראנטען, דאס הײַסט: מיט 1345 װעניגער אלס אין װעלכען מאָנאט מערץ פון פאָריגען יאהר 1925 (3811 פּערזאָנען). די סבה פון דער פערמינדערונג אין דער [illegible] אנדערונג איז די איצטיגע פער-קלענערונג פון די ארבײַטסמעגליכקײַ-טען אין לאנד. פון די 2466 אימיג-ראנטען זענען 1083 געקומען אויף סערטיפיקאטען פון דער הינער ציוניס-טישער עקזעקוטיװע, 426 זענען קרובים פון הינע אימיגראנטען. אויסער דעם זענען 382 פּערזאָן געקומען אלס שפּהעגניגע פון ארץ-ישראל'דיגע אײַנ-װאוינער. די איבריגע זענען געװען מענשען מיט אײַגענע מיטלען, פאך-ארבײַטער, גײַסטליכע און סטודענטען.

אין פערלויף פון זעלבען מאָנאט זענען אין ארץ-ישראל געקומען 7609 רײַזענדע, און 2005 הינע אײַנװאוינער האבען צוריקגעקעהרט פון זײַערע רײַ-זען נאך אויסלאנד.

— די הויפּט-ביוראָ פון יודישען נאציאָנאל-פאָנד האט בעקומען א מעל-דונג, אז די „יונג-יהודה" אָרגאניזאצי-יע אין אמעריקא אָרגאניזירט א גרוי-סע אקציע איבער דעם גאנצען לאנד פאר דער פלאנצונג פון 25000 בוי-מער אין ארץ-ישראל, דורך די אמערי-קאנישע יודישע שול-קינדער. יעדע יודישע שולע איז אויפגעפאָדערט גע-װאָרען צו נעהמען אויף זיך א קװאָטע פון װעניגסטענס 7.50 דאָלאר און פון קלענערע קינדער 4.50 דאָלאר פאר דער אונטערנעהמונג.

—נאך זײַן צוריקקעהרען א הײם פון זײַן רײַזע איבער ארץ-ישראל האט סע-נאטאָר ה. שטײַער אויס בריסטאל צו-געשיקט דעם דאָרטיגען נאציאָנאלפאָנד קאָמיטעט 500 פונט אלס צײַכען פון אנערקענונג פאר דער װיכטיגער טע-טיגקײַט פון דעם פאָנד, װעלכע ער האט געזעהען אין ארץ ישראל.

— א דאנק דער בעמיהונג פון ה' סאלאמאָן י. װײַנשטײַן, פּרעזידענט פון דער „אמעריקאן זײַאן קאמאָנ-װעלטה", װעלכער װײַלט איצט אין ארץ-ישראל, האט די הינע רעגירונג דעם 30-טען אפּריל בעשטעטיגט און אזוי אַרום לעגאליזירט די נײַע קאָנ-סטיטוציע פון דער ציוניסטישער גע-נעראלע היפּאָטעקען-באנק אין ארץ-ישראל, װעלכע איז פארגעלאגען גע-װאָרען פון דער אמעריקאנער „פּאלעס-טײַן סעקיורישים".

לויט די נײַע קאָנסטיטוציע װעט די באנק מאכען אלע איהרע געלד-אָפּע-ראציעס אין אמעריקאנער דאָלארען. זי װעט געבען היפּאָטעקען, לויט 60 פּראָצענט פון דער װערט פון יעדעם הויז, צו אויסצאָהלען אין פערלויף פון 15 יאהר. די באנק װעט צאָהלען 7 פּראָצענט דיװידענד.

לויט דער זעלבער קאָנסטיטוציע װעט דאס באנק-דירעקטאָריום פון איצט בעשטעהען פון 9 מיטגלידער, דרײַ פון קרן היסוד דורך דער יודישער קאָלאָניאל-באנק, 8 — פון די אמע-ריקאנער ציוניסטישער אָרגאניזאציע. די װאהלען פון דעם נײַעם דירעקטאָר-יום װעט פארקומען נאָר אין גיכען.

די אמעריקאנער „פּאלעסטײַן סעק-יוריטיס קאָמפּאני" איז געגרינדעט גע-װאָרען פון דער דאָרטיגער „אמעריקאן זײַאן קאָמענװעלטה" און װערט קאָנ-טראָלירט פון איהר און די אמעריקא-נער ציוניסטישע אָרגאניזאציע.

איבער אלעם.

איך האָב װי אלע מאל געװאלט שרײַבען איבער אלעם װאס קומט פאר אין אונזער שטאדטישען יודישען לע-בען, אָבער כ'האָב בשום אופן נישט װעגען װאס צו שרײַבען, כאָטש מהו א מעשה אן, און ס'איז קײַן אנדער נישט, אלע איז געשריבען, פּאַראַלי-זירט, און כ'האָב לגמרי נישט װעגען װאס צו שרײַבען, כ'װײס אפילו נישט װי אָנצוהויבען.

בקיצור כ'בין מישב, אז כ'װעל ארויסגעהן אין גאס אײַן אשר װעל איך עמיצען טרעפען, כאַפּען א שמועס מיט דעם, מיט יענעם, און מעגליך װעט זיך מאכען שאַף עפּעס צו שרײַ-בען.

איך געה טאקי ארויס פון שטוב באלד נאך הבדלה און דעם ערשטען טרעף איך א דאָזאר, װעלכער הויבט מיר אָן צו דערצעהלען אז דיעם טאָג האט מען געכאַפּט א „פּאַיסקע" דאס הײַסט מען האט געפונען א שוחט װאס האט געשחט'ן מן הצד, און קע-לער עטליכע קעלבער, דאן האט ער װידער געזעהען הײַנט שבת נאכמיטאג װי בײַ א יאטקע האט זיך אָבגעשטעלט א פוהר מיט פלײַש און האט אָבגע-לאָדענט א גאנצען טראנספּאָרט פלײַש אין דער יאטקע אַרײַן אין מיטען העל-לען טאָג שבת נאכמיטאג. און דער דאָזאר ערקלערט מיר אז איך דארף אומבעדינגג װעגען דעם שרײַבען, אז מען דאַרף אזאלכע זאכען און אונזער שטאדט נישט דערלאָזען.

דאן קומט מען אין שמועס װעגען די „אגודה"-דעזאָרעס װאס זענען ברוגז געװאָרען מיט דער קהלה, און װאלטען זיך מעסט בײַם שטרײַק. אזוי װײַט אז װען אפילו אײַנער פון זײַ קומט אין קהל-שטוב אַרײַן װעגען עפּעס א אינפאָרמאציע מישט ער זיך נישט אין קײַן שום זאַך. ער דערצעהלט מיר אלס עפּיזאָד, אז װען אזא אגודה-דאזאר איז געזעסען אין דער גמינע איז גראָד ארײַנגעקומען א ארי-מע פרוי װעלכע איז צו איהם צוגע-גאנגען װעגען א עפּעס א טובה האט ער צו איהר געזאגט: װאָס? איהר װײסט נישט אז איך בין נישט טעטיג? איהר האט נישט געלײענט אין דער צײַטונג? די פרוי האט געבעך נישט פערשטאנען װאס דער דאזאר זאגט, אָבער געזעהען האט זי אז זי מוז אװעק, װײַל ער איז שטארק בײַז.

איך װיל מעהר פון די קהלה-זאכען נישט רעדען, עס געהט שוין װי מען זאגט פון דער גאז ארויס. און גראָד געהט פערבײַ א יוד א בעקאנטער װאס האט שטענדיג שװער געארבײַט און נישט געװאָלט זײַן קײַן „מקבל", און איצט איז ער נעבעך שטארק געדריקט איך װײס אז זײַן ברודער אויך אזא מיט װי ער איז קראנק און ליגט אין שפּיטאָל, און איך שטעל איהם אָב, און פרעג איהם װאס דער ברודער מאכט.

װאס מײַן ברודער מאכט? פרעגט איהר, הלואי אויף אלע א־יםעלײַט געזאגט געװאָרען, ער ליגט זיך דארט װי א גראף אלע מינוט קומט צו א „שװעסטער", און בעטראכט איהם אויב עס פעהלט איהם נישט עפּעס, אלע װײַלע טראגט מען איהם עפּעס אנ-דערש אין מויל אַרײַן. און װער שמועסט נאך אז ס'קומט שבת, איז דאך גאָר א מחיה, דעמאלט קומען אָן די נשים רחמניות און ברענגען מיט פערשידענע לאַבונגען, פּאָמעראַנצען מיט װײַן, קעז קיכען און פרוכטען, בקיצור פון אלעם גוטען ברענגען די דאָזיגע װײַבלעך אין שפּיטאָל אַרײַן, אז מײַנער דער-קװיקט זיך זײַן האַרץ, און ער װײס ערשט דאס ער לעבט אויף דער װעלט, און כמעט נאָר צים איבערשטען אז ער זאל מיך אויך קראנק מאכען כאָטש אויף א פאָר װאָכען, כדי איך זאל זיך קענען אביסעל אויסרוהען און קומען צו כחות װארום כ'קען שוין באלד נישט געהן אויף די פיס.

װאָס קומט אָבער ארויס—זאגט ער —אז דאס גוטע איז נישט אויף לאנג, און מײַן ברודער האט מאקי הײַנט גע-װײנט פאר מיר װײַל דער דאָקטאָר האט איהם הײַנט געזאגט אז אין עטלי-כע טעג װעט ער איהם ארויסשרײַ-בען פון שפּיטאָל, ער איז שטארק פער-צװײַפעלט פון דעם װײַל ער װײס, אז װידער װעט ער זיך מוזען ארומדרעה-ען און הונגערן, און קײַנער װעט זיך אויף איהם נישט אומקוקען.

דער יוד רעדט צו מיר אזוי נאאיװ אזוי װי דאס װאלט געװען א גאנץ פשוט'ע פערשטענדליכע זאך, אז א ארימאן דארף נאָר קראנק זײַן, און נאָר דעמאלט דארף מען פאר איהם װארגען.

א יונגערמאן מײַנער א גוטער בע-קאנטער מיט זײַן פרוי געהן צו צו מיר און איך מוז איבעררײַסען מײַן שמועס מיט'ן ארימאן געגען מײַן װילען.

נאָך א בײַטען „גוט װאָך" הויבט זיך דאס פאָר פאָלק אָן פאר מיר צו בעקלאָגען און צו פאָדערן פון מיר, אז איך זאל אומבעדינגט שרײַבען װע-גען דעם אונאָרדנונג װאס הערשט אין די טעאטערן, מילא דער יונגערמאן איז נאך נישט געװען אזוי שטארק רעװאָלטירט נאָר די פרוי האט זיך נאָר צוריסען.

װאס הײַסט דאס עפּעס מען פער-קויפט בילעטען גלאט אין דער װעלט אַרײַן, און ס'איז נישטא קײַן פלאַץ אפילו פאר א דריטעל מענשען און בעזונדער װאס איז דאס עפּיס פארא פאראנדערעק, אז אנדערע בלײַבען זיצען איבער דער צװײטער פערשטעלונג אויך, און מיר האבען געקויפט בילעטען און קענען נישט אַרײַן?

דער יונגערמאן זעהט, אז איך װער עפּיס נישט גאנץ שטארק נתפעל פון דער גרויסער רציחה װאס קומט פאר אין „קינא" און ער הויבט אָן אונטער-צוהעלפען זײַן פרוי, זאגענדיג צו מיר, שטעלט אײַך פאר, איך בין נישט קײַן גרויסער קינא-געהער, אונגאנצען געהען מיר דרײַ מאל אין דער װאָך, חוץ װען עס איז יום-טוב, און אויב דאס איז נישט גאנץ סטעלע, װעהט איהר שבת-צו-נאכטס מוזען מיר געהען אין קינא, דאס איז שוין אונזער טרא-דיציע פון א לאנגע צײַט און מאקי פאראװאס נישט? װאס איז מ'שטײַנפּנגע-זאגט דאס גאנצע לעבען פון מענש, אלס שטענדיג האָרעװען און האָרעװען. װײַל מען האבען אביסעל פערגנוגען אײַך נו, האבען מיר אזא מעשה, װאס זאגט איהר עפּעס צו דאס?

שלום! מר... הער איך אונטער מיר, איך קוק זיך אום און זעה צװײ בעקאנטע פנים'ער.

איהר מוזט אומבעדינגג אביסעל װע-קען דעם הײַנגען עולם, אז זײַ זאלען װאס מעהר דעקלארירען פאר'ן „קרן היסוד"—זאגען בײַדע מיט אמאל, די צײַט איז אמת שלעכט. אָבער מאקי דערפאר דארף מען דאך געבען פאר ארץ-ישראל, און זיך שאפען א בעטען, א צוקונפט...

אפשר װעט איהר מיר זאגען װעגען װאס איז װיכטיגער צו שרײַבען; װעגען די שוחטים, װעגען די ברוגזע אגודה דעזאָרעס, װעגען די הונגעריגע, װעגען דעם טעאטער, אָבער נאָר װעגען ארץ-ישראל?

ליפא.

דער יום-טוב פון ענטוויקלונג.

(היי-יאהריגע שבועות-געדאנקען).

אומעטום, אין אלע צייטען, פלעגען ארויפגעזעגט ווערען מיינונגען אז דאס יודישע פאלק איז א„עטא „פוזיה“, אז דאס יודישע פאלק איז אין רעזולטאט פון זיינע וואנדערונגען אין די אונגאר-מאלע בעדינגונגען אין וועלכע ס'לעבט, געווארען א לופט-פאלק וועלכעס איז ווייט פון דער נאטירליכער און רעגעלמעסיגער ענטוויקלונג, וואס האט איהרע פעסטע געזעצען, נאר איז אונטערווארפען מאמענטאלע פעראיבער-געהענדע געשעהעניסען.

אויף דעם יודישען פאלק קוקט מען ווי אויף אזעלכע וואס שאפען אויס-ברויזענדעס, וואס ווערען געווארפען אין פערשידענע זייטען און פערשידע-נע עקסטרעמע לאגערן.

מען האט וואגאר מלחמה אידענטי-פיצירט דעם בעגריף פון עקסטרעמי-טעט מיט דעם יודענטום, אזוי האבען געוואלט זעהן א מהל פערשער פון דעם יודישען גייסט און די אופנים, ווי אזוי ער האט זיך ענטוויקעלט אין גלות.

און אזוי איז פאקטיש געוועזען: די בעדינגונגען בילדען אויס דעם וועגר-פונקט און די שאפונגס-לוחות ביי א פאלק. לעבט א פאלק אין גוטע און צופרידענע בעדינגונגען ווערט מען ביי איהם און זיין שאפונג בעמערקען מעהר הומאר, מעהר פרייען חולען און זון פאר'ן גליקליכען לעבען. לעבט א פאלק אין שלעכטע בעדינגונגען— ווערט מען צווישען זיין שאפונג בענק-שאפט און א טיפערען דראנג פאר קאמף און מאמענטענהייט אויך פער-צווייפלונגס-געפיהלען.

די דורכלעבענישען פון יודישען פאלק האבען אויף איהם געלעגט אנ'-אונגעדרונגענעם סטעמפעל פון אונגארמא-ליטעט. די מעהרסטענס פערצווייפעל-טע און געדריקטע לאגע פון יודען אין פערשידענע תקופות האט בעקו-מען ביי וויכטיגערע היסטארישע גע-שעהענישען איהר אויסדרוק.

און דאריבער איז נאטירליך וואס דער גרעסטער טייל פון יודישע ימים-טובים זענען פערבינדען מיט אויפ-ברויזענדע געשעהענישען, מיט בע-פרייאונגען אדער אויפלייזונגען וואס זענען אדורכגעפיהרט געווארען א דאנק היסטארישע אויסברוכען וועלכע הא-בען פארגעבראכט ענדערונגען אין דעם ביז דאן געוועזענעם לעבענס-וועג פון דער מענשהייט, אדער פון פעלקער מיט וועלכע דאס יודישע לע-בען האט געהאט א דירעקטע פערבינ-דונג.

אזוי האלט זיך אויסגעדראכט אין פלוג.

ווען מיר בעטראכטען אבער דעם יום-טוב פון שבועות, זיין אמת'ע און פאקטישע בעדייטונג אלס חג הבכורים אלס א יום-טוב אין וועלכען עס זענען רייף געווארען פרוכטען וואס זענען דורך א לענגערע צייט געפלעגט און געהאדעוועט געווארען, זעהען מיר דעם היפוך.

נאך אין פערציג טעג צעהלט דער יוד פון דעם טאג אן ווען ער האט אנגעהויבען צו דערזעהען דאס וואק-סען און ענטוויקלען זיך פון פרוכטען וועלכע ער האט פערזייעט, ארום וועלכע ער האט זיך בעמיהט און ווארג-פעליג בעארבעט. און ווען ער זעהט דאס ערשטע — ווערט דערציהלט — טהוט ער עס ארומזיקלען מיט א גרעזיל און גיט דאס אב אלס „בכו-רים“.

עס געהט א טאג נאך א טאג, עס קומט צו נאך א ציפער אין דעם צעה-לונג, און די נאטור טהוט זיך דאס איהריגע, די פרוכטען ענטוויקלען זיך, וואקסען און ווערען רייף.

און דאבעי האט דאריבער דער יוד צונויפגעבינדען דעם רעליגיעזען קולט מי'ט דער ענטוויקלונג און רייף ווערען פון דער נאטור. דארין האט די יודי-שע שאפונג אריינגעלעגט א גאנץ אנ-דערן אינהאלט ווי דאס יודישע לע-בען האט געהאט אין זיין אוננארמא-לע צייט.

דארין זעהען מיר די פעראייניגונג ביז א פולשטענדיגער הארמאניע פון יודישען גייסטיגען לעבען מיט דער נאטירליכסטער שטופענווייזער נאטור-ענטוויקלונג און נאטור-שאפונג.

דעריבער איז פאר אונז שבועות, דער חג הבכורים, מעהר ווי יום-טוב, ער איז פאר אונז א צוקונפטס סימבאל וועלכער וועט אמאל דורכזידען אין יודישען לעבען די כוחות פון שטופענ-ווייזער ענטוויקלונג, פון נאטירליכער ענטוויקלונג און עוואלוציע.

דער חג הבכורים איז פאר אונז דא-ריבער דער יום-טוב וואס לייקענט אב אין דער איינזייטיגער און עקסטרעמער אויפפאסונג וועלכע עס האבען וועגען אונז א טהייל פון די וועלטס-פארשער, וואס פרובען זיך טיפער אריינטראכטען אין מהות פון יודישער שאפונג און יודישען גייסט.

דער חג - הבכורים דארף ספעציעל פאר-יאהר פאר אונז האבען בעזונדערע און ספעציעלע דערמאהנונגען; ווען און אייראפא קאכט און ווען די גאנצע וועלט איז פערענדערט געווארען אין איהר לעבענס - ארט און געפונט זיך אין כסדר וואקלענדיגע בעדינגונגען, ווען פערשידענע אויפברויזונגען ווערען אפטע ערשיינונגען אין לעבען פון דער מענשהייט. און ווען די לעצטע וואס זיך דורכגענומען מיט דעם דאזיגען גייסט — דאן דארף ווייטער דאס יו-דישע פאלק ציהען די קיים, דעם שטארקען באנד פון נאטירליכער און נארמאלער ענטוויקלונג, וועלכע ציהט זיך פון דעם יום - טוב שביעית, פון דעם פייערען דעם דאזיגען יום - טוב אלס סימבאל, ביז'ן מאכען אויס איהם אנ'אמת'ן לעבענס-אינהאלט, פון פלע-גען און נארמאלעס ענטוויקלען די אי-נערליכע כוחות פון דעם יודישען שא-פען, פאר א אייגענעם זעלבסטשטענדיגען נאציאנאלען לעבען.

בן ישראל.

דאס לעצט-געלד.

(א היסטארישער עפיזאד ווי אזוי אלעקסאנדער דער צווייטער האט אין דער שבועות-נאכט געלאזט א יוד לעצט-געלד, און דאס אריינגעלעגט אין דער גמרא).

דאס איז געשעהן אין די יאהרען נישט לאנג נאכדעם ווי עס איז געהאט פער-טיג געווארען די באהן-ליניע מאסקווא —ראזאן, וועלכע איז ערשט אין א פאר יאהר שפעטער פערלענגערט גע-ווארען ביז קאזאן און ווייטער.

ביז ראזאן האט געבויט די ליניע דער בעוואוסטער יודישער פאדריא-טשיק שמואל פאליאקאוו, וועלכער איז געווען זעהר אנגעזעהען אין די הוי-כע רעגירונגס - ספערען וואו ער האט אויך געהאט א גרויסען איינפלוס, און זייענדיג א הייסער יוד און א גרויסער נדבן האט ער, ווי בעוואוסט, יודען גרויסע טובות געטהון און א סך גזרות אויף יודען מבטל געווען.

די פאליאקאוו'ס האבען שפעטער געבויט נאך אנדערע גרויסע באהן-לי-ניעס וואס זענען א לענגערע צייט גע-ווען זייער אייגענטום און ערשט אין א רייהע יאהרען ארום האט דאס די רע-גירונג פון זיי אבגעקויפט און די באה-נען זענען איבערגעגאנגען אין רשות פון דער רעגירונג.

די רוסישע רעגירונג האט זיי מכיר טובה געווען פאר זייער ארבייט צו פערשפרייטען גרויסע באהן-נעצען אין לאנד, און האט זיי דעריבער נישט געזאגט קיין דעה ווי אזוי זיי וואלטען פערוואלטען מיט די באהנען אזוי לאנג ווי זיי זענען געווען אין זייער רשות. און מען האט זיי אויך נישט געשטערט צו האלטען יודישע באהן-בעאמטע אפילו פון העכסטען ראנג, וואר „נאטשעלניקעס“ פון די סטאנ-ציעס זענען אויך געווען א סך יודען.

דער רוב פון די דאזיגע יודישע באהן-נאטשעלניקעס זענען געווען פרו-מע יודען וואס האבען נישט געוואלט מחלל - שבת זיין, און דעריבער האט יעדער יודישער נאטשאלניק געהאט זיין פערטרעטער וואס האט שבת און יום טוב געטהון זיין אמט, ווען דער יודישער נאטשעלניק איז זיך געזעסען אין דער היים על התורה ועל העבודה.

טאקע איז פארגעקומען אין די דא-מאלדיגע צייטען אז דער קייזער אלע-קסאנדער דער צווייטער וועלכער איז אויך געווען א גוטער פאר יודען, האט געוואלט פאהרען פון מאסקווא קיין ראזאן, און אזוי ווי דאמאלס איז שוין דאס פאהרען פון קייזער געווען רעזי-קירט צוליב דער „קראמאלא“,—די סא-ציאליסטען וואס האבען זיך שוין דא-מאלס געפונען אין רוסלאנד אין א געוויסער צאהל,—איז דער קייזער גע-פאהרען „אינקאגניטא“ אלס געוועהנלי-כער גענעראל מיט זיין אדיוטאנט און די פחות מיט העכערע מיליטערישע פערזענליכקייטען אז קיינער זאל נישט וויסען אז דאס פאהרט דער קייזער.

זיי זענען געפאהרען אין א ספעצי-יעלען צוג פון מאסקווא און גראד האט פאסירט אז אויפ'ן וועג איז די לאקא-מאטיוו קאליע געווארען און דער צוג האט זיך געמוזט אבשטעלען אויף א קליינע סטאנציע און מוטען וועג כדי צו פעררירכטען דעם קליינעם פעהלער פין דער מאשין און צו קענען ווייטער פאהרען.

אויף דער זעלבער סטאנציע וואו דער קייזער מיט זיין פמליה האבען זיך אבגעשטעלט איז אויך געווען א יודישער נאטשאלניק וואס האט גע-וואוינט ביי דער סטאנציע.

דאס איז אבער גראד געווען אין דער נאכט פון שבועות ווען דער יו-דישער נאטשאלניק איז ווי אין אלע ימים - טובים נישט געווען טעטיג און זיין אמט האט ערפולט זיין קריסטלי-כער פערטרעטער.

ווען דער ספעציעלער צוג מיט די הויכגעשטעלטע געסט איז אנגעקומען אויף דער סטאציע איז געווארען א אויפרודער, כאטש קיינער האט נישט געוואוסט אז דא פאהרט אויך דער קייזער אליין, ווייל פון די שעהנע וואַ-גאנען האבען זיי באלד דערקענט אז דאס זענען הויכע מיליטער-לייט. מען האט זיך באלד גענומען צו פעררירכטען די מאשין, און די געסט האט מען אריינגעפיהרט אין וואגזאל.

דער יודישער נאטשעלניק האט זיך אבער נישט פעראינטערעסירט מיט דעם וואס אויף דער סטאציע קומט פאר, ביי איהם איז געווען שביעות און ער איז געזעסען אין דער היים און געזאגט „תיקון“.

זיין פערטרעטער האט זיך פארגע-שטעלט פאר די געסט נאר אלס פער-טרעטער און ווען זיי האבען איהם געפרעגט וואו איז דער נאטשאלניק, האט ער געענטפערט אז דער נא-טשאלניק איז א יוד און ביי איהם איז היינט „פראזדניק“ דאריבער געפונט ער זיך נישט אויף דער סטאציע.

די הויכגעשטעלטע פערזאנען האט אפילו פערדראסען פארוואס דער נא-טשעלניק ווייזט זיך נישט, אבער דער גוטער קייזער האט איהם פערענטפערט אז ער ווייסט דאך נישט דאס דער קייזער אליין איז אויך דא, און אפשר ווייס ער גארנישט פון דער גאנצער זאך, ווייל דער פערטרעטער האט זיי ערקלערט דאס דער נאטשעלניק האט שטרענג אנגעזאגט אז יום טוב זאל מען איהם נישט שטערען.

ווען דאס רעפאנטירען די מאשין האט אבער לענגער געדויערט, האט דער קייזער מיט זיין פמליה פערלאנגט אז מען זאל זיי אריינפיהרען צום נא-טשעלניק וואו זיי וועלען געמיס הא-בען א בעסער ארט זיך אויסצורוהען ווי דא אין וואגזאל.

דער פערטרעטער האט זיי אריינגע-פיהרט צום נאטשעלניק וועלכער איז נאכ'ן „תיקון“ געזעסען איבער א גרוי-סע גמרא, און ווען ער האט געזעהען די הויכגעשטעלטע מיליטערישע געסט האט ער זיי זעהר פיין אויפגענומען, זיך ענטשולדיגט אז ביי איהם איז היינט יום-טוב און ער איז נישט טע-טיג אין דיענסט. ער האט זיי פערגע-בעטען צו שלאפען אין צווייטען צימער.

און ווען זיי האבען זיך געלעגט שלא-פען, האט ער זיך ווייטער געזעצט לער-נען, און אזוי אדורכגעלערנט א גאנ-צע נאכט.

עס איז שוין געווען עטליכע שעה אויפ'ן טאג ווען מען איז געקומען זא-גען, אז די מאשין איז שוין רעפערירט און דער צוג קען ווייטער פאהרען.

דער נאטשאלניק האט שוין אויס-געלערנט זיין „שיעור“, ער האט גע-מאכט א קנייטש אין דער גמרא ביי דעם בלאט וואו ער האט געהאלטען, און ער האט זיך געהאלט אהעקשטע-לען דאוונען. דאבעי האט ער זיך גע-טראכט אז ס'וועט איהם געוויס אויס-קומען ביי צו שטעהן א נסיון מיט די הייכגעשטעלטע געסט וועלען איהם געוויס וועלען געבען „לעצט געלד“, און דא איז יום-טוב, ווען מען טאר קיין געלד נישט נעמען.

ווען די געסט זענען אויפגעשטאנען און אריינגעקומען אין דער שטוב וואו ער איז געווען האט דער קייזער איהם געפרעגט וואסערע ספרים עס זענען דאס די אלע וואס שטעהן ביי איהם אין שאנק. און ער האט ערקלערט אז דאס זענען חלילה נישט קיין רעוואָ-לוציאנערישע ביכער, נאר רעליגיעזע ספרים אין וועלכע ער לערנט יעדען טאג. און אט די גמרא וואס ליגט דא אויפ'ן טיש האט ער איצט געלערנט ביז צום קנייטש.

—וויפיל לערנסטו אב יעדען טאג?— האט דער קייזער איהם געפרעגט.

א בלאט אדער צוויי,—האט דער יוד געענטפערט—עס ווענדעט זיך אין דעם ענין ביי וועלכען מען האלט.

ווען דער יוד איז ארויס אין צווייטען צימער האט דער קייזער צו זיינע לייט געזאגט:

ס'וואלט געווען א יושר צו געבען דעם יוד א „נאגראדא“ פאר זיין גאסט-פריינדשאפט.

איינער פון זיינע בעגלייטער איז געפאלען אויף א המצאה און האט פארגעלעגט, אז די נאגראדע זאל בע-שטעהן אין דעם וואס דער קייזער זאל אריינלעגען עטליכע הונדערט רובעל אין דער גמרא מיט א געוויסע צאהל בלעטער ווייטער, און אזוי דער יוד לערנט טאקי יעדען טאג וועט ער טמילא דאס געלד געפונען.

די דאזיגע המצאה איז דעם קייזער געפעלען געווארען און ער האט אריינ-געלעגט אין דער גמרא א שעהנע סו-מע נייע הונדערטער באנקנאטען, בע-שלוסענדיג צו שיקען נאך עטליכע טעג וועהען צו דער יוד האט דאס געלד ארויסגענומען וואס עס וועט זיין א סימן אז ער לערנט אין דער גמרא.

פאר'ן אבפאהרען האבען זיי דעם נאטשאלניק געדאנקט אויך געוואונשען אז ער זאל ערנסט לערנען די גמרא וועט איהם גוט בעלוינען.

דער פרומער נאטשאלניק איז אפילו געווען צופרידען וואס ער איז נישט געקומען צו קיין „נסיון“ אבער מיט-אין הארץ האט איהם געקרענקט פאר-וואס אזעלכע הויכע געסט זענען אוועק-געפאהרען נישט איבערלאזענדיג איהם קיין „לעצט געלד“.

צומארגענס האט שוין דאס גאנצע געגענד געקלונגען, אז דער קייזער אליין איז דא געווען אויף דער סטא-ציע און האט גענעכטיגט ביים יודי-שען נאטשאלניק, און דאס האט איהם נאכמעהר געקאנערט, אז דער גוטער קייזער זאל איהם גארנישט האבען איבערגעלאזט.

ערשט אין אכט טעג ארום ווען ער האט כסדר געלערנט אין דער גמרא איז ער צוגעקומען צום בלאט וואו דאס געלד איז געלעגען, און ער האט די המצאה פערשטאנען, און זיין פרייד איז געווען געמפעלט מיט דעם וואס ער האט בעקומען געלד און נישט גע-דארפט מחלל-יום-טוב-זיין.

אויפ'ן צווייטען טאג נאכדעם ווי ער האט דאס געלד געפונען איז אנגעקו-מען צו איהם א הויכער טשינאווניק און זיך געהייסען ווייזען דאס בוך וואס די הערען האבען געזעהען ביי זייער דא זיין.

דער יוד האט זיך אנפאנגס דער-שראקען און געמיינט, אז ס'איז עפעס א טעות געשעהען אבער מען האט איהם געוואלט אויספרובען מיט'ן געלד.

דער בעאמטער האט איהם אבער באלד בערוהיגט און געזאגט: אויב דאס געלד איז געשטאנען איז א סימן, אז די לערנסט טאקי און האסט דעם קייזער נישט געזאגט קיין ליגען. דעריבער בעקומסטו איצט פון מיר נאך טויזענט ווי דארט איז געווען.

און דערצעהלענדיג האט ער איהם אויס-געצאהלט דאס געלד און איז אוועק.

פ. וו.

ווי די וועלט וועט אויסזעהען אין 25 יאהר ארום.

ניקאלא טעסלא, דער בעריהמטער אמעריקאנער ערפינדער האט אין איינעם פון די אמעריקאנער זשורנא-לען אבגעדריקט זיינע פערקהירדיגע נביאות וועגען דעם ווי די וועלט וועט אויסזעהען און איניגע צעהנדליג יאהר ארום.

„די מענשהייט — ערקלערט ניקאלא טעסלא—איז אין דעם לעצטען שטורמ-דיגען יאהרהונדערט נישט איינמאל ער-שטוינט און פערגאפט געווארען פון געוואלדיגע ערפינדונגען, אבער אין דער סאמע נאהנטער צוקונפט וועט זיך די מענשהייט רייבען די אויגען און וועט קוים קענען אבשאצען דעם אטעם ווען עס וועלען ארויסגעריסען ווערען פון דער נאטור אזעלכע סודות וועלכע וועלען זיין פורא'דיגער און גרעסער ווי אלע ערפינדונגען וואס זע-נען ענטדעקט געווארען אין די לעצטע עטליכע דורות. אונזער וועלט איז איצט גאנץ אנדערש ווי מיט 50 יאהר צוריק, אבער עס איז קיין פערגלייך נישט צו דעם, ווי די וועלט וועט אויס-זעהען און 25 יאהר שפעטער.

אזוי שנעל ווי ס'איז ערפינדען גע-ווארען דער דראטלאזער טעלעגראף— האב איך באלד איינגעזעהען אז דער נייער סיסטעם פון פראקטישער עלעק-טריציטעט וועט ברענגען מעהר נוצען דער מענשליכער ראסע ווי אלע אנ-דערע וויסענשאפטליכע ענטדעקונגען, ווייל די נייע ערפינדונג שאפט אב די ווייטקייט און דעם מהלך, צוליב וואס דער מענשהייט קומט אזוי אויס צו ליידען.

דער דראטלאזער סיסטעם אבער וועט אדורכפיהרען די ענגע פערבינ-דונג צווישען יחידים און נאציעס, און מיט א אונגלויבליבער שנעלקייט וועלען פון איין עק וועלט אין אנדערן צוגעשטעלט ווערען נייע בעריכטען, מאטעריאלען, וועלכע איין לאנד האט און א צווייטע האט נישט, און הויפט-זעכליך עלעקטרישע קראפט צו בע-וועגען מאשינען.

ווען דער דראטלאזער סיסטעם וועט נאר ווי געהעריג אנגעווענדעט ווערען וועלען מיר זיין ביכולת צו קומען אין פערבינדונג איינער מיט'ן אנדערן און א אויגענבליק. מאכט נישט אויס ווי גרויס עס וועט זיין די ווייטקייט. דורך דעם „טעלעפאן“ וועלען מיר קענען זעהען און הערען איינער דעם אנדערן פונקט ווי מיר האלטען געשטאנען פנים אל פנים מיט יענעם, מאכט נישט אויס פאר וויפיל טויזענדער מיי-לען ווייט יענער פערזאן געפונט זיך פון אונז. און די אינסטרומענטען, דורך וועלכע מיר וועלען זיך זעהען איינע די אנדערע און הערען, וועלען זיין פיעל איינפאכער ווי אונזער איצטיגער טעלעפאן. דער אינסטרומענט וועט זיין אזוי קליין אז יעדער איינער וועט איהם קענען טראגען אין זיין וועסט-קעשענע.

ווער רעדט נאך, אז דער דראטלאזער סיסטעם וועט אויך אנגעווענדעט ווע-רען אריבערצופיהרען עלעקטרישע קראפט. דאן וועט דער גאנצער טראנ-ספארט רעוואלוציאניזירט ווערען. אלע באהנען וועלען עלעקטריזירט ווערען און די איצטיגע לאקאמאטיווען וועלען מוזען אריינגענומען ווערען אין מוזע-אומס, כדי די איניקלעך אונזערע זא-לען זעהען ווי צוריקגעשטאנען מיר זענען געווען אין דער ציוויליזאציע און 20 יאהרהונדערט.

די וויכטיגסטע ענדערונג פון דראט-לאזער ענערגיע וועט זיין אין בעצוג צו טרייבען לופט-שיפען. די קומענדע לופט-שיפען וועלען נישט דארפען פיה-רען מיט זיך קיין נאפט אדער א אנדערע טרייב-קראפט. די טרייב-קראפט צו די לופט-שיפען וועט נעהמען פון א בעשטימטער צענטראלער סטאנציע. ווען דאס וועט געשעהן וועט די לופט-שיף קענען אריבערפליהען פון ניו-יארק ביז אייראפא אין עטליכע שעה. דאס וועט אויך ברענגען דערצו אז אונטערנאציאנאלע גרעניצען וועלען אבגעשאפט ווערען און דאס וועט שוין טמילא אויך פיהרען צו א הארמאני-שען צוזאמענלעבען צווישען די פעל-קער און צו א פערברידערונג פון דער גאנצער מענשהייט.

דער ערשטער קבלת-פנים פֿון די יודען אין פוילען.

א היסטאָרישע לעגענדע פֿון משה פֿיינקינד.

1.

די ערשטע יודען אין פוילען זענען געווען די אזוי גערופֿענע "אשכנזים". זיי האבען איינגעוואנדערט קיין פוילען סוף פֿון צעהנטען יאהרהונדערט, אין דער צייט ווען די לעכישע שבטים האבען זיך נעהמט פֿעראייניגט אין א פוילישע מדינה.

נישט קוקענדיג וואס די פאליאקען האבען געהאט צו יענער צייט א סך אויפצושטעהן און צו ליידען פֿון די דייטשען, צוליעב דעם, וואס זיי וואָ- בען איבערגענומען דאס לאטיינישע קריסטענטום פֿון די טשעכען און האָבען געשלאָסען א מיליטערישען אָפּמאך מיט'ן קייזער אטא'ן — זענען זיי געווען טאָלעראנט און האבען זיך אויפגעצייכענט אלס א גאסטפֿריינדליך פֿאלק.

דאס אלץ האט גורם געווען, אז יודען זאלען פֿערלאָזען "אשכנז", דאס לאנד, אין וועלכען זיי האבען איינגעוואנדערט לויט א געוויסער מיינונג נאך אין די צייטען פֿון בית-השני, — און זיך לאזען אין וועג אריין קיין פוילען.

רייכע יודען זענען די ערשטע איינוואנדערער געווען, אין גאלד און זילבער זענען זיי געווען געקליידעט, זיי האבען מיט זיך געפֿיהרט ספֿרי-תורות, און א סך "בריקעס" אָנגעלאָדענע מיט די טייערסטע סחורות אלס מתנה פֿאר'ן פוילישען פירשט.

צוזאמען מיט יענע יודען האבען אויך אויסגעוואנדערט א רב, א חזן, א שוחט און פֿיעל האנדווערקער, און קומענדיג צו דער לעכישער ערד, האָבען זיך די יודען אָבגעשטעלט און ארויסגעשיקט צום פירשט א שטאפֿעט אין ווייסען אָנגעטהאן אויף א ווייס פֿערד מיט א פֿלאטערדיגער ווייסער פֿאהן, אויף וועלכער ס'איז געשטאנען אָנגעשריבען "דגל מחנה יהודה" אויף איין זייט, און "גור אריה יהודה" אויף דער צווייטער זייט, מיט אַ'ן ענטשפּרעכענדער איבערזעצונג. אויפ'ן גאנצען וועג האט דער "רייטער" מיט'ן שופר געבלאָזען סיגנאלען, ער האט תקיעות געבלאָזען, פֿוריע זייענדיג דערמיט דעם פירשט וועגען דעם אָנקומען פֿון די "אשכנזים" (אזוי האט מען דעמאלס גערופֿען די יודען אין פוילען).

געמאוויר ווערענדיג דערפֿון, האט דער מילדער פירשט גלייך ארויסגעשיקט אנטקעגען "שלאכטשיץ" צוזאמען מיט 6 אַנדערע הויפֿלייט מקבל פנים זיין די יודען ביים פוילישען שלאַבאַן.

2.

דער אלטער שלאכטשיץ האט זיך מיט זיינע בעגלייטער געשטעלט אונטער א בליהענדען גרויסען לינדען-בוים, וועלכער איז געשטאנען ביי דער פוילישע - דייטשער גרעניץ, דארט אהין איז אויך געקומען די יודישע דעפוטאציע, וועלכע איז בעשטאנען פֿון דריי חשובים מיט'ן רב און חזן בראש. דער רייטער מיט זיין ווייסען פֿאהן איז געריטען פֿאראויס, דער חזן האט געזינגען אויפ'ן וועג דאס 114 קאפּיטעל תהלים (בצאת ישראל ממצרים). דער רב האט געטראָגען א ספר תורה אין דער האנד מיט גאלד און זילבער בעציהרט און צוקומענדיג צום בוים, האט דער רב מיט אויפֿגעהויבענע הענד געבענטשט דעם פירשטליכען דעלעגאט און זיינע ריטערליכע מלבושים מיט "יברכך". דעם שלאכטשיץ האט שטארק אימפּאָנירט דאס פאטריארכאלישע אויסזעהן פֿון די יודען און זייער רעספּעקט, און ער האט זיי צוגעשטעלט גרויס כבוד.

די יודישע דעפוטאטען זענען שטארק געריהרט געווען פֿון דער פֿריינדליכער בעגעגעניש ביי דער פוילישער גרעניץ, דאך האבען זיי זיך נישט דערשראָקען דעם "שלאכטשיץ" אויפ'ן נמיין צו נעהמען. זיי האבען געוואלט וויסען וואס פֿאר א גאראנטיע פוילען וויל די יודען געבען, ווען זיי וועלען זיך דא בעזעצען. און איינער פֿון די דריי יודישע דעפוטאטען האט דעם שלאַכטשיץ א פֿראגע געטהאן: "צי וועט מען די יודען אין פוילען נישט פּלאָגען?" "א, ניין!" — האט געענטפֿערט דער גרייז-גרויער שלאכטשיץ מיט גרויס עמפּערונג. — די פוילישע שליאכטע מאָרדעט קיינעם נישט. דאן האט איהם געפֿרעגט דער צווייטער דעפוטאט: "צי וועט מען די יודען אין פוילען ראַבעווען?" דער שליאכטשיץ האט געענטפֿערט: "די פוילישע שלאכטע ראַבעוועט קיינעם נישט". איצט האט געפֿרעגט דער דריטער: "צי וועט מען די יודען לאזען אין פוילען פֿריי האַנדלען, האנדלען און א מלאכה פֿיהרען?" אויף דער דאזיגער פֿראגע האט שוין דער פֿירשטליכער דעלעגאט שטאלץ געענטפֿערט: "די פוילישע שליאכטע איז טאָלעראנט און גאסטפֿריינדליך, פֿאר אלע יודען אהן אויסנאהם זענען די טירען און די טויערען פֿון פוילען אָפֿען. און "שלום" וועט הערשען צווישען די יודען און צווישען דעם לאנד פֿון די פּיאַסטען".

דערהערענדיג די דאזיגע ווערטער האבען די יודען פֿריילעך אויס'ן קול אויסגערופֿען: "זאל לעבען די פוילישע שליאכטע!"

ביי די דאזיגע ווערטער האט דער וועלכער שלאַכטשיץ מיט זיינע איינגענע הענד געעפֿענט דעם "שלאַבאַן" און פֿערבעטען די געסט צום פירשט אין שלאָס אריין.

ווי א פֿייל פֿון בויגען האט שטאפֿעט אויפ'ן ווייסען פֿערד מיט דער פֿלאטערנדער ווייסער פֿאהן אין דער האנד און מיט'ן שופֿר אין מויל זיך געאיילט אָנזאָגען די גוטע בשורה די יודען וועלכע האבען געווארט מיט גרויס אונגעדולד.

3.

אין פאלאץ פֿון פירשט האט מען די יודישע דעפוטאציע א הארציגען קבלת-פנים געמאכט און מיט זיי זיך שטארק משמח געווען. דער פירשט האט בכבודו ובעצמו אין די דאזיגע פֿייערליכקייטען אנטייל גענומען און פֿערזענליך פֿערזיכערט, אז קיין שום שלעכטס וועט די יודען אויף דער פוילישער ערד נישט געשעהן, מען וועט זיי נישט מאָרדען און נישט רויבען, פֿריי לעבען און ארבייטען, האנדלען און האנדלען וועלען די יודען קענען אויף די פוילישע פֿעלדער אהן די מינדעסטע שטערונג. אומעטום האָבען זיי דאס רעכט זיך צו בעזעצען, זייער רעליגיע פֿריי צו האלטען און דעם יודישען גאט דינען, אומעטום וועלען די יודען געשיצט און בעוואכט זיין.

דעם דאזיגען פֿייערליכען צוזאג פֿון פירשט'ס מויל האבען די יודישע דעפוטאטען מיט גרויס פֿרייד בעגריסט און דעם פירשט פֿאר זיין גרויסען חסד געדאנקט און טייערע מתנות איהם געגעבען. פֿערלאָזענדיג דעם קעניגליכען פאלאץ האבען די יודען אויסגערופֿען: "לעבען זאל פוילען! לעבען זאל דער קעניג!" און אלע דינער צוזאמען מיט'ן קעניג האבען דערויף אָבגערענטפֿערט: "לעבען זאלען די יודען!" באלד דערויף איז די גאנצע עדה יודען וואס האבען געווארט אויף יענער זייט שלאַבאַן צוזאמען מיט די "בריקעס" סחורה געקומען קיין פוילען. דער שלאַבאַן איז שוין פֿאר זיי אָפֿען געווען און זיך בעזעצט אין די ראָד-פּראָווינצען נאהענט פֿון דער גרענעץ. פֿלייסיג געארבייט, עה"ל געהאנדעלט, דעם פירשט טריי געדינט און פוילען איז געווארען גרויס און רייך, די יודישע קראפֿט און דער יודישער קאפּיטאל האט פוילען גרויס און רייך געמאכט.

די אויסגעגראבענע אין קיטצבורג (1848), אין וויעניעץ ביי וולאָצלאַוועק (1850) און אין דאָרף גלעמבאָקי ביי פּויזען (1872) יודישע בראַקטאטען און מאנעטען מיט פֿערשידענע העברעאישע אויפשריפֿטען: מיעשקא יושר הכהן, משקא קרל פאלסקי, ד.ב.ס, נגדו (גנעזען, די דאמאלדיגע רעזידענץ פֿון פוילען) און מיט די עמבלעמען פֿון "א פירשט מיט דער שווערד אין דער האנט, א רייטער מיט א פֿאהן, מיט א שופר, א לייב מיט אויפגעשטעלטע פֿיס", דערמאנען אין יענער היסטאָרישער צייט, ווען פוילען האט זיך נאך געפֿינען אין ערשטען סטאדיום פֿון איהר אויפבויאונג און ענטוויקלונג פֿון יענע ערשטע "אשכנזים" וועלכע האבען דאס וועלר געשאפֿען.

ז. קאַסלער.

דער נאציאָנאלער קינסטלער אויף דעם נאציאָנאלען באָדען.

(א פאנטאסטישע ווירקליכקייט).

דעם וואס פאסירט דעם 15 טען אַפּריל פֿון דעם יאהר, צווישען די היסטאָרישע הרי-גלבוע, אויף דער עין-חרוד-בארגען פֿון דעם יודישען נאציאָנאל-פֿאָנד אין עמק יזרעאל.

דער גרויסער פֿידעל-קינסטלער יאשא חפֿץ האט געגעבען א פֿרייען קאנצערט פֿאר די יודישע חלוצים און חלוצות אין עמק יזרעאל.

די שטאלצע און פֿעסט-שטעהענדע אור-אלטע, גרינע גלבוע-בערג, זענען געשטערט געווארען פֿון זייער שטענדיגען דרימלען און חלום'ען.

זיי האבען זייערע קעפּ פֿערריסען ארויף, ווי קורץ-זיכטיגע זקנים האבען זיי זייערע בליקען אנגעשטרענגט, געקוקט ווייט איבער עמק און געשטוינט.

— וואס איז געשעהן?—האבען זיי איינער דעם צווייטען געפֿרעגט מיט פֿערוואונדערונג.

— היינט איז דאך, דאכט זיך, אַני-איינפאכער, וואכעדיגער ארבייטס-טאג?... און דאך האבען אלע טרייע בויער פֿון עמק אָבגעשטעלט זייער אזוי טייערע און הייליגע ארבייט, אוועקגעלעגט וואפּען, פּיאַס און אקער, פֿערלאָזט די זיי אזוי ליבע דערפֿער אין פֿעלדער, עיף און ריגר, און מיט קינדער און קיי זענען זיי אוועק אין וועג אריין!..

און פֿון אלע יודישע ווינקעלעך אינם מלכות'דיג צושפּרייטען עמק, אויף אלע הענט און שטעגען, וואס פֿיהרען צו עין חרוד, אינ'ם גלבוע-בערג צופֿיסענס, ציהען זיך לאנגע, לענגער גאנצע שירות, פֿון פֿיעל הונדערטער ציונס טרייע קינדער, די חלוצים און חלוצות..

זיי ריכטען אלע ערווארטונגס-בליקען צו אינזן גלבוע בערג, און זיי קוקען שווער אלץ נעהנטער און נעהנטער!..

אין א לויפֿט אהער, פֿיל אויס'ן בויגען, א אויטאָמאָביל!..

ער ברענגט עפּיס נייע געזיכטער, נייע מענשען... נאך קיינמאל זיי דא נישט געזעהען!...

איינער פֿון זיי דריקט צו זיין הארצען עפּיס א משונה'דיגע לענגליכע בלי...

א פֿידעלע?

וואס איז געשעהן?...

דריי טויזענד פֿון די בעסטע בויער פֿון דער נאציע אין איהר היימלאנד, יונגע, דרייסטע און געדאנקע קינדער פֿון אונזער פֿאלק.

אלע—מיט פֿעסטע, ארבייטסזאַטע מוסקל-הענד; מיט פֿון דער אימער העל און בלענד-שיינענדע זון פֿערברענטע ברוסטען; מיט שווער פֿערחארטעוועטע, פֿערשווייסטע און ענערגישע געזיכטער.

לענענדיג איינער הארט נעבען צווייטען האבען זיי מיט זיך בעדעקט דעם גרויסען און טיפֿען טאל צווישען די גלבוע בערג, אויף דעם נאציאָנאלען באָדען, נעבען עין-חרוד.

און פֿון סאמע מיטען פֿון דעם טאל, פֿון דער לעבעדיגע מענשען-דעק אויף איהם, הויבט זיך אויף דער שלאנקער יאשא חפֿץ, איינער פֿון די בעסטע פֿידעל-קינסטלער פֿון אונזער נאציע.

ער נעמט זיין פֿידעל, און אזוי שנעל ווי ער פֿאנגט אן איהם צו אנשטעלען און פּרובען זיינע טענער ווערט אלץ ארום אנגעשטרענגט און...

שא—שטיל!!!

גלייך ווי אלץ ארום וואלט דורך א צויבער פֿערוואנדעלט געווארען אין איין אויער, אין איין שטרענגען געהער...

דער גרויסער קינסטלער פֿון דער אור-אלטע נאציאָן שפּילט, ציינט וואונדער מיט זיין פֿידעל. וואקסט און שטייגט...

און די אלטע גלבוע-בערג האבען זייערע שטאלצע קעפּ אנגעבויגען.

ווי מידע לייבען האבען זיי געקניעט און זיך געלעגט צו חפֿצ'ס פֿיס.

צום ערשטען מאל זינט דור'ס פֿידעלע הערען זיי דא א יודיש פֿידעל-קונסט, א א גרויסען קינסטלער!

שפּיל און מיט ערפֿורכט האבען חפֿץ'ן געהערט אויך די פֿייגעלעך, ווי די דריי טויזענד קעפּיגע מאסע ארום.

דער קאנצערט איז צו ענדע.

די גרויסע מענשען-מאסע האט ווי פֿון א זיסען טרוים אויפגעוואכט און דאנקענד אַפּלאָדירט און געיובעלט.

די פֿייגעלעך האבען אין כאר געזונגען א לויב געזאנג צום קינסטלער.

אין דער לופֿט, איבער די שטאלצע קעפּ פֿון די אור-אלטע גלבוע בערג, האט ווייט ארום געהילכט:

— וואויל איז דעם נאציאָן, וואס הערט איהר גרויסען קינסטלער אויף איהר אייגענעם באָדען!

ירושלים, 16 אַפּריל 1926.

שטיצט דעם "בית לחם"!

דער דין-תורה.

פֿון די יודישע פֿאָלקס-מעשה'לעך).

פֿון דעם גרויסען גאון און צדיק רבי שמעלקע ניקאָלסבורגער, ווערען דערצעהלט פֿערשיידענע מעשות און לעגענדעס.

ס'רוב מעשיות זענען פֿערבינדען מיט דעם יום-טוב שבועות און דעם "תיקון" וואס מען זאגט אין דער שבועות-נאכט.

אזוי ווערט דערצעהלט אז אין זיינע יונגע יאהרען פֿלעגט דער רבי ר' שמעלקע פֿיעל ארומפֿאָהרען. און איינמאל איז ער אויף שבועות אָנגעקומען אין א שטעטיל וואו ס'האבען זיך געפֿונען זעהר גרויסע לומדים וואס האבען געהאט פֿון איהם געהערט און איינינע האבען יאורם אפילו געקענט אויך.

ווען ער איז געקומען אין בית-המדרש אריין ביי נאכט זאגען "תיקון" איז ער איינגעשלאָפֿען, און געשלאָפֿען ביז'ן גרויסען טאג אריין, דער עולם האט אויף איהם געווארט מיט'ן דאווענען א לאנגע צייט, אויפוועקען איהם האט קיינער נישט געוואגט, און דאווענען אהן איהם וואס מען אויך נישט געוואלט, פלוצים האט ער אויפגעהויבען דעם קאפּ און ס'איז נישט געווען אין איהם צו דערקענען קיין צייכען פֿון שלאף, און ער האט געהייסען דעם עולם דאווענען און נישט ווארטען אויף אידם.

דער עולם איבערהויפּט די לומדים האט דאס פֿערדראָסען פֿארוואס ער וויל מיט זיי נישט דאווענען, און זיי האבען בעשלאָסען נאכ'ן דאווענען איהם צו פֿרעגען פֿארוואס ער האט נישט געדאוונט מיט אלע צוזאמען.

קיינער האט זיך אבער נישט געוואגט איהם צו פֿרעגען, נאר איינער דער גרעסטער גביר פֿון שטעטיל וואס האט איז אויך געווען א גוטער בן-תורה האט זיך אונטערגענומען אידם דאס צו פֿרעגען.

דער גביר איז צוגעגאנגען צו ר' שמעלקען און איהם געפֿרעגט:

רבי! מיר וואלטען זעהר געוואָלט וויסען פֿארוואס איהר האט נישט געוואלט דאווענען מיט אונז צוזאמען?

ר' שמעלקע האט איהם א מינוט אָנגעקוקט און געפֿרעגט:

קיין גרעסערער למדן ווי דו איז ש'ין אין בית-המדרש נישטא? עס זענען פֿערהאנען גרעסערע לומדים ווי איך נאר זיי זענען נישט דרייסט אייך צו פֿרעגען...

און פֿארוואס ביזטו עפּיס יא אזוי דרייסט?

וועל, פֿערשטעהט איהר מיך רבי, איך בין דער גביר פֿון שטאָדט.

ווי פֿיעל פֿערמאָגסטו דאס? — האט רבי שמעלקע געפֿרעגט.

איך פֿערמאָג זעכציג טויזענד רענדלעך — האט דער גביר מיט גדלות געענטפֿערט.

הייסט דאס אז מיך פֿרעגען די קשיא די זעכציג טויזענד רענדלעך, און ווי וועל איך נעמען מיינע כוונות נישט מגלה זיין — האט רבי שמעלקע געענטפֿערט.

זיינע מקורבים האבען וועגען דעם דערצעהלט אז בשעת ער איז ביים תיקון איינגעשלאָפֿען האט ער געהאט "עלית נשמה", און ער האט אין הימעל געזעהן א קיטרוג צוליעב וואס ער האט געטוט אָבלענען זיין דאווענען ביז ס'וועט זיין א עת-רצון.

די וויכטיגסטע שבועות-מעשה וואס ווערט פֿון איהם דערצעהלט האט פּאַסירט דעם לעצטען שבועות פֿאר זיין פּטירה.

אין רומעניען איז דאמאלס געווען פֿאר יודען א עת-צרה; יודען זענען שטארק געפּייניגט און גערודפֿ'ט געוואָרען. פֿון טאָג צו טאָג זענען אויף זיי נייע גזירות ארויסגעגעבען געוואָרען, דער יודישער דת איז אויף טריט און שריט געשטערט געוואָרען, און מען האט געשמועסט אז גראד אין דער נאכט פֿון שבועות וועט דער קעניג אונטערשרייבען נייע גזירות אויף יודען, און די רומענישע יודען האבען דעם שבועות געלעגט מיט שרעק און האַרצווייטאָג.

די וועלבע נאכט פֿון שבועות איז דער רבי ר' שמעלקע געזעסען ביים תיקון מיט זיינע חסידים און איז געווען שטארק פֿערטראַכט און פֿערנומען, און פלוצים האט ער זיך געווענדעט צו די רבנים פֿון זיינע חסידים וואס זענען ביי איהם געזעסען און געזאגט צו זיי:

רבי! איך וויל האבען פֿאר אייך א דין-תורה מיט'ן רומענישען קעניג.

מעכעלע!—האט ער א געשריי געטהון צו איינעם פֿון זיינע נאהנטסטע מקורבים—דו ביזט איצט דער רומענישער קעניג, און איך וועל מיט דיר א דין-תורה האבען, מיר וועלען ביידע פֿערלעגען אונזערע טענות פֿאַ'ן בית-דין, און ווי דאס בית-דין וועט פּסק'נען מוזען מיר בעשטעהן.

באלד איז דער רבי מיט'ן "קעניג" און דאס בית-דין פֿון עטליכע רבנים אוועק אין א חדר מיוחד, וואו זיי זענען אלע אָפּגעזעסען ביים דין-תורה ביז'ן גרויסען טאג אריין.

די טענות פֿון ביידע צדדים זענען געווען זעהר שארפֿע. דער רבי האט געטענה'ט אז די יודען זענען קנעכט צום רבונו-של-עולם, און קיינער האט נישט קיין רעכט מיט זיי צו שאפֿען אויף זיי ארויסצולעגען גזירות און שווערע געזעצען און ער האט דאס אויפגעוויזען ע"פ דין.

מעכעלע "דער רומענישער קעניג" האט ווידער געטענה'ט אז היינט זענען די יודען זיינע, ער גיט זיי צו עסען און צו טרינקען, זיי לעבען אין זיין לאנד, אויף זיין ערד, און ער מעג דארויבער מיט זיי מאכען וואס ער וויל.

א גאנצע נאכט האבען די דיינים-רבנים זיך מפלפל געווען, נאכגעזעהן אלערליי ספרים, און ענדליך איז געבליבען אז גערעכט איז טאקי דער רבי ר' שמעלקע, און ע"פ דין האט דער רומענישער קעניג נישט קיין רעכט די יודען צו פּייניגען מיט גזירות און שטרענגע געזעצען.

און אויב דו הילפֿסט נישט רומענישער קעניג — האט דאס בית-דין זיך געווענדעט צו מעכלען — אז דער אמת'ער בעל-הבית פֿון די יודען זאל זיך מיט דיר משפּט'ן, זאלסטו גלייך אָבשאפֿען אלע דיינע געזעצען וואס מאכען שווער דאס יודישע לעבען און דעם יודישען דת אין דיין מדינה, און דאס מוז באלד געשעהן...

דריי טעג נאך שבועות איז דאמאלס ביי די רומענישע יודען געווען א צווייטער יום-טוב ווייל איבער'ן גאנצען לאנד איז פלוצים נאך אומגעריכט אויסגערופֿען געוואָרען א קעניגליכער דעקרעט אין וועלכען ס'איז געזאגט געוואָרען אז אלע גזירות און שווערע געזעצען בנוגע יודען ווערען אָבגעשאפֿט.

ד. פּ.

דעם רבּ'ס אייניקעל.

(19

א היסטאָרישע ערצעהלונג פון יודישען לעבען אין פוילען און אוקראינא אינ'ם 17-טען יאָהרהונדערט, די צייט פון באָגדאן כמיעלניצקי לויט נ. באגראוו.*

פון י. געלזאהן.

(פאָרטזעצונג).

20.

א לאַנגע צייט האט געדויערט ביז די בײדע אלטע לײט האָבען זיך בערוהיגט. דער דאָקטאָר האט זיך ענטשולדיגט פאר'ן רב פאראיטאָ ער היט נישט אָב די יודישע אמונה, און דער רב האט איהם געטרײסט, צווישען זײ בײדע האט זיך ענטוויקעלט א האַרציגער פאמיליען-שמועס, וועלכען דער דאָקטאָר האט איבערגעהאקט און געזאגט:

העך טײערער ברודער, אויב איך האב דאס רעכט דיך אזוי אָנצורופען. איך רעכען אז באלד וועט די פּיהרע אָנקומען, און איך וועל נישט געוואָלט אז פרעמדע מענשען זאלען מיך זעהען בײ דיר אזוי שפּעט בײ נאכט, און דארום וויל איך דיר דאס פרוהער זאגען וואס איך וויל אײגענטליך בעצוועקען מיט מײן בעקענען זיך מיט דיר.

וואס ווייסט?

איך האב דאס געטהון מיט א געוויסער כונה, וועלכע בעשטעהט אין דעם וואס איך פערלאַנג אז דו זאלסט מיר צוזאָגען א זאך.

נאך בעפאָר איך הער וואס דו ווילסט זאג איך דיר דאס צו.

נײן, ברודער, דו טוסט פריהער הערען וואס איך וויל פון דיר און דאן געבען מיר א תשובה.

זאָג, איך הער.

דו ווייסט אז איך האב א אײנציגען זוהן — האט דער דאָקטאָר געזאגט — מײן דניאל, דו קענסט איהם. ער איז א זעהר גוט קינד, איהם וויל איך איבערגעבען מאָרגען פאר א יוד, איך קען דאס נישט, זאלסטו זיך דאס אונטערנעהמען.

און וועגען דעם צוויפעלסט דו נאך, צי איך וועל דאס טהון? האט דער רב געפרעגט.

נישט בלויז דאס נאר נאך א זאך... האט דער דאָקטאָר קוים ארויסגע-רעדט — ווען דניאל וועט זײן א יוד זאלסטו איהם געבען דײן אסתר'ל פאר א פרוי...

אין דעם מאָמענט האט זיך געהערט דאס פאָהרען פון א פוהר וואס איז צוגעפאָהרען צום רב'ס הויז, דער דאָקטאָר האט שנעל גענומען זײן מאַנטעל און געזאגט:

איך מוז וואַרטען אַוועק, בנימין, אָל-זא זאָגסט מיר דאס צו?

דו האָפּסט מײן ווײלינג ווארט אז אויב נאָר וועט וועלען און מײן אסתר'ל וועט געראָטען ווערען וועל איך זי געבען אלס פרוי פאר דײן זוהן דניאל — האט דער רב געענטפערט פײער-ליך.

בײדע אלטע לײט האָבען זיך האַרציג צוקושט און ווען די פוהר איז שוין געשטאַנען פאר'ן רב'ס הויז איז דער דאָקטאָר טרויס און איז פערשוואונדען געוואָרען אין דער פינסטערניש.

ווען דער דאָקטאָר איז אוועק איז דער רב נאך אלץ געבליבען אונטער דעם אײנפלוס פון דער ערטרעקונג וואס דער דאָקטאָר האט איהם איצט גע-מאכט, אז ער איז זײן קוזין עמנואל, און נאכדעם האט איהם בעהערשט דער געדאנק אז דער דאָקטאָר וויל נעמען זײן אסתר'ל פאר א פרוי פאר זײן דניאל.

ער איז געוועזען אזוי בעהערשט פון די דאָזיגע געדאנקען אז ער האט פערגעסען אין וועלכען צוסטאַנד עס געפונט זיך איצט, און ער האלט אפילו נישט געלעגט קײן אכט אויף דעם וואס די פוהר איז צוגעפאָהרען צו זײן הויז, ווען נישט דאס וואס די רביצי'ן איז ארײנגעלאָפען אין שטוב האט איהם געפרעגט:

ני, בנימין, וואס זיצסט דו, די פוהר איז דאך שוין דא און מען דארף זיך גרײטען צום אװעקפאָהרען.

די מיטער האט זיך געכאַפּט און צדיק איז ארײן.

דער רב האט זיך ווי אויפגעכאפּט פון שלאָף, און צוגעלאָפען צו צדיק'ן זאָגענדיג:

דו האָפּסט זיך פארט בעזיגען, און ביזט אלײן געקומען וואו א יוד איז א יוד.

קײן פוהר אין דארף האב איך נישט געקענט בעקומען — האט צדיק גע-זאגט ציטערנדיג זײנע ווערטער — און איך בין אײַך געקומען זאָגען אז איהר זאָלט זיך אויף מיר נישט פער-לאָזען.

די לעצטע מינוט קומסטו אונז דאס זאָגען? — האט דער רב געזאגט אין גאַנצען ציטערענדיג — וואס וועלען מיר יעצט טהון? און אפשר וועסטו מיר כאָטש ערלויבען צו ברענגען מײן אייניקעל צו דיר? זי זאל דאָרט זײן ביז כ'וועל בעקומען א אנדערע פוהר.

איך קען זיך נישט ארײנמישען אין דעם עסק — איך קען זיך נישט רי-זיקירען, דער ווילען פון גראף איז מיר הײליג, און בעזונדער וואלט איך דיך געראטען — האט צדיק גאַנץ רוהיג געזאגט — אז דו זאלסט זיך נישט אקעגענשטעלען דעם גראף. אויב ער וויל זי נעמען איז דאס געוויס פון גאָט, און אפשר וועט דײן אייניקעל מיט דער צײט זײן דאס וואס אסתר המלכה איז געוועזען פאר די יודען, דו אליין, רבי, האסט מיר געזאגט דא-מאָלס ווען מען האט מיך געוואָלט שמײסען אז געוויס איז דאס מן השמים.

ארויס פון מײן שטוב, דו מנוול — האט דער רב צו איהם א געשריי גע-געטהון און איהם אָנגעכאַפּט פאר די העלער איהם ארויסצופיהרען.

בנימין! וואס מהוספו? — האט די רביצי'ן אָנגעהויבען וויינען, דו מאכסט אונז אומגליקליך.

א דאנק דיר, רבי, פאר דעם כבוד וואס דו טהוסט מיר אָן — האט צדיק געזאגט און זײנע אויגען האָבען גע-שפּריצט פײער — איך וועל דיר פאר דעם נוט בעצאהלען.

נעה, מס'ר מ ך — ברענג אום דרײַ נפשות, וואס אינטערעסירט דיך דאס לעבען פון דרײַ יודישע נפשות? דער עיקר איז אז פ'זאל דיר נישט ארויס-קומען קײן שאָדען — האט דער רב געזאגט און אָנגעהויבען לאכען ווי א משוגענער...

צדיק איז ארויס פון שטוב, און דער רב מיט די רביצי'ן זענען געבליבען ווי צומישט, וואס האָבט אונז געטהו? — האט די רביצי'ן געוויינט — ער וועט דאך לויפען צום פריץ און אונז פערסמ'ן, דו קענסט זיכער זײן אז נאך די נאכט וועט מען קומען אוועק-נעמען אסתר'ל'ן און וואס טהוט מען?

נעה שוין וועק אויף דאס קינד — האט דער רב געזאגט — איך וועל זי נעמען אויף די פלײצעס, און וועל זי אוועקטראגען אין עק וועלט, אָבער שוין די מינוט. איך וועל מעהר נישט וואַרטען... נעה שוין רחל און וועק אויף דאס קינד...

אין דעם מאָמענט האט א בליץ גע-טהון און האט בעלויכטען די גאַנצע אומגעגענד ארום מיט א רויטע ליכ-טיגקײט און באלד דערויף האט א שטאַרקער דונער געטהון.

דער רב מיט די רביצין האָבען זיך שטארק דערשראָקען, און דער רב האט געזאגט:

הימעל אזא שטורמיגע נאכט. הא, רחל דאס הארץ זאגט מיר נישט קײן גוטעס...?

געוואלד בנימין... זײ שטיל... דער-מאן מיך נישט די שרעקליכע נאכט, איך וועל דאס נישט איבערהאַלטען...

א ווינד האט ארײנגעבלאָזען דורכ'ן פענסטער און האט אויסגעלאָשען דאס ליכט, אין שטוב איז געבליבען פינ-סטער, און בײדע אלטע לײט האָבען שרעקליך געציטערט.

בנימין, איך הער משונה... צינד אָן א ליכט, איך שטארב פאר שרעק.

דער רב האט אָנגעצינדען א ליכט, און פלוצים האט ער אָנגעהויבען צו וויינען וואַנענדיג:

איך קען מיר דאס נישט שענקען פארוואס איך האב צדיק'ן אזוי געזוי-דעלט, נישט וויל כ'האב מורא ער זאל אונז פערסמ'ן, נאר וויל איך געזעהן אז ער איז נישט שולדיג, איז ער דען באמת חייב געווען צו ווערען אַ קרבן מעגען אזא גראף? ער וויל באמת מחויב זיך אײנצושטעלען זײן לעבען פאר אונז? בחנם האב איך א יוד געשאָלטען און בעליידיגט, איך קען דאס מיר נישט שענקען.

די רביצי'ן האט איהם געפּרובט אויפרעדען אז צדיק האט נישט גע-דאַרפט געגען זײַ אזוי האנדלען, אין דער צײט ווען דער רב האט זיך פאר איהם דאס לעבען אײַנגעשטעלט און ער האט געקענט שיקען זײַן פוהר, וויל ער וועט זיך קענען פערטײדיגען אז מיר האָבען איהם די פוהר גע-דונגען און ער האט נישט געקענט ווי-סען צו וועלכען צוועק מיר פאָהרען אוועק. — אָבער דער רב האט זיך נישט געקענט בערוהיגען פון דעם וואס ער האט צדיק'ן בחנם אזוי בעליידיגט און געזידעלט.

אָבער וואס טהוט מען פאָרט? — א שאַד וואס איך האב דעם דאָקטאָר אװעקגעלאָזט, ווען ער וואלט דא געווען וואלט מען אפשר געקענט אויסגעפי-נען עפּיס א עצה, איך בין אינגאנצען צומישט, און איך ווייס נישט וואס צו טהון.

און איך רעכען אז אין אזא שטור-מישע נאכט וועט דער גראף נישט געהן ארויספיהרען אזא זאך, ער וועט דאך נישט וועלען אז מיר זאָלען וויסען דעם א ידיעה, אז ער זאל זיך אזוי צו אײַ-לען.

מען קען גארנישט וויסען — האט דער רב געזאגט — דו קענסט נישט די פריצים, ווען ס'פאלט זיי עפּיס אײַן שטעלען זײַ זיך פאר קײן זאך נישט אָב.

אין דער מינוט האט זיך געהערט דאס פאָהרען פון א פוהר, וואס איז שנעל צוגעפאָהרען צו זײער הויז, און באלד האט מען אָנגעהויבען שטאַרק קלאַפּען אין דער טיער.

בײדע האָבען זיך שטארק דערשראָ-קען, און בעשלאָסען נישט צו עפענען. בײ זײ איז קײן צווייפעל נישט געווען אז דאס זענען דעם גראפ'ס מענשען געקומען נעמען אסתר'ל'ן. אָבער הע-רענדיג אז מען רופט אויף יודיש: רבּי עפענט אויף! האָבען זײ געעפענט די טיער און צו זײער ערשטוינונג איז ארײַנגעקומען צדיק.

(פאָרטז. קומט.)

א פערביטערטער קאמף איבער צוויי „שטערט״.

פון געריכטס-זאל.

דעם פערגאַנגענעם פרײַטאג, אין דער וועלכער צײַט ווען עס זענען פאַר-געקומען בלוטיגע קאמפען וועגען בע-זעצען די הויפט-שטאָדט ווארשע, האט זיך אין דער היגער אפעלאציאנס אָב-טײלונג פון קרײַז-געריכט אָבגעשפּילט א פערביטערטער קאמף וועגען 2 „שטערט״... אין אַססטאַרער בית-המדרש.

דער היגער אײַנוואוינער ש"מ-אל קאָניעצפאָלסקי האט פערקלאָגט אין פרירענס-געריכט דעם אַססטאַרער בעל-הבית ישראל הירש קאָהן מיט זײַן פרוי, דאס זײַ האָבען אין פערגאַנגע-נעם יאָהר פערקויפט זײנע 2 שטעדט אין אַססטאַרער בית-המדרש, פאראוואס עס קומט איהם בעצוגנים א קימא לן פון 15 זלאָטעס.

אין פרירענס-געריכט איז די תב ע"ז פון ה' קאָניעצפאָלסקי געוואָרען אבגע-וואָרפען צוליעב מאַנגעל אין בעווײַזען. ה' קאָניעצפאָלסקי איז אָבער א יוד א עקשן און ער האט אויפ'ן אורטייל אײַנגעגעבען אן אפעלאציע.

אָבער אויך צום צווייטען מאָל איז דעם ה' קאָניעצפאָלסקי נישט געלונ-גען צו בעגרינדען זײַן תביעה. עס איז איבערהויפּט געווען א פראַגע צי די 2 „שטערט״ געהערען צו איהם. דער צר שכנגד האט געטענה'ט דאס ער האט די „שטערט״ געדונגען בײַם שמש פון אַססטאַרער בית-המדרש; און מיט א פיליעשען חתוך הדבור און ירם, ווי עס פאסט פאר א יוד מק'ק אַססטאָוו, האט ער דוקא פון צווייטען צר געפאָדערט פאר די 15 זלאָטעס אן „אקט״, כאָטש ווענינסטענס א רע-צעפּיסע. ה' קאָניעצפאָלסקי האט זיך אָבער גאר געקענט פערוופען אויף זכות-אבות און מיט א צובראָכען הארץ און תחנונים'דיגער שטימע גע-טענהט צו פערשטעהן די ריכטער אז די דאָזיגע שטערט האט ער בעקומען בירושה און זײַ געהערען צו איהם און זײַנע קינדער און קינדס-קינדער לעולם ועד.

די ריכטער האָבען פערגעשלאָגען א פשרה, דהיינו, ה' קאָהן זאל בע-צאָהלען דעם תובע 10 זל., דער נתבע האט פערגעלעגט אויף אָן מיט 5 זל. און בשום אופן נישט געוואָלט מעהר געבען, טענה'ריג, אז אויך דאס גיט ער בחנם, וויל ה' קאָניעצפאָלסקי האט איהם נישט קײן שום „אקט״. ה' קאָניעצפאָלסקי, וועלכער האט זיך בעקלאָגט, אז בלויז אויף געריכטס-קאָסטען און ביטעם האט ער אויסגע-געבען 15 זל. און ווענינסטענס די דאָזיגע אויסגאבען וויל ער האָבען צו-ריק.

די ריכטער, וואָרשײַנליך פעראינטע-רעסירט מיט דעם דאָזיגען אריגינעלען פּראָצעס, האָבען זיך מיט אלע מיטלען בעמיהט די צדדים צו פערגלײַכען אָבער אָהן ערפאָלג. ענדליך האט דער פּראָ-צעדנער גאַנץ אָפען געראטען דעם ה' קאָניעצפאָלסקי צו נעמען די 5 זל., ווײַל אין געגענפאַל וועט ער אויך דאס נישט בעקומען, אז ה' קאָהן האט די דאָזיגע וועריפער דער-קלערט, האט ער שנעל אראָבגעלאָזט די 5 זל. פון טיש און ארײַנגעלעגט צו זיך אין קעשענע, פערדערענדיג מיט א פערדאָפּעלטער ענערגיע און „וואָר-ארבײַט״ אן „אקט״. יעדאָך איז געלונ-גען בײַ דער מיטווירקונג פון גאַנצען ריכטער-קאָלעגיע צוריק ארויסצובע-קומען פון איהם די 5 זל. און חוץ מזה האט ער בעפירוש אינטערענ'חתמ'ט אן „אקט״, דאס ער און זײַן פלונית'טע זאָגען זיך אָב מה'יום והלאה פון די דערמאָנטע 2 שטעדט און וועלען מעהר אין די דאָזיגע „ערים״ קײַן דריסת הרגל נישט האָבען.

און אזוי האט זיך דאס פערכאַפען צווישען „שטערט״ פערענדיגט אָהן בלוט-פערגיסונג...

Leo.

עס פליסען נישט אײַן קײַן שטײַערן.

ווי וויכטיג דער קריזיס האט לעצטענס ארומגענומען די ברײטע שיכטען פון דער בעפעלקערונג בעווײזט דער פאקט, וואס עס פליסען כמעט ווי גארנישט אײַן קײַן שטײַערן ספּעציעל שטאַד-טישע.

פאַרינגעס יאָהר ווען דער מאַגיס-טראט האט פינאנצערנעשיקט נאָקאַזען אויף שטײַערן, האָבען זיך תיכף פאר די קאַסעס און אין די קאַסעס געביל-דעט אָגאָנקעס, און וועלכע מען האט געדראַפט אָבשטעהן שעה'ן לאַנג ביז מען האט די שטײַערן געקענט אײַנ-צאָהלען.

אויב דאס יאָהר האט דער מאַגיס-טראט טרויסגעשיקט נאָקאַזען אויף וואוינונג'ס שטײַערן און אנדערע אין דען בעפעלקערונג קומט נישט צאָהלען. די קאַסעס זענען פוסט דאס וועלכע אין די בוראָס א זעהר קלײַנער און אונבעדייטענדער טהײל צאָהלט שטײַ-ערן.

דאַנקען זענען שטארק פערהאַרטען מיט אָרבײט די סעקוועסטראַטאָרען וועמען עס איז איבערגעבען געוואָרען די שטײַערן אײַנצומאַהנען.

אין קאמף מיט'ן יקרות.

דער יקרות אויף א גאַנצע רײהע לעבענ'ס-מיטעל ארטיקלען איז די לעצטע טעג בעדײַטענד געשטיגען, אזוי איז אויסער ברויט און פוטער פײערער געוואָרען אויך אַנדערע לע-בענס-מיטעל און פלײש.

צוליב דעם ווי סיר וועלען געטאוור האט די היגע סטאַראָסטאַ בעשלאָסען אנצוהויבען א קאמף מיט דעם שטײַ-גענדען יקרות און גרינדען א קאָמי-סיע פעסטצושטעלען פרײַזען פון א גאַנצע רײהע לעבענ'ס-מיטעל ארטי-קלען.

די קאָמיסיע האט דו אויפגאַבע אדורכצוקאָנטראָלירען אלע נעהמעפער-טע פרײַזען, אויב זײַ זענען בע-גרינדעט — אין געגענפאַל וועלען די שולדיגע צוגעצויגען ווערען צו פער-אנטוואָרטליכקײַט און בעשטראָפט ווע-רען.

אויפפאָדערונג אײַנצומאַהנען שטײַערן.

דער היגער מאַגיסטראַט האט בע-קומען פון הויכען פינאַנץ-אמט א בריף אין וועלכען דער מאַגיסטראַט ווערט אויפגעפאָדערט ווײַטער צו פיהרען א פערשטאַרקטע אקציע בײַם אײַנציהען דעם בוידען-שטײַער.

די דאָזיגע אויפפאָדערונג איז גע-שיקט געוואָרען אין רעזולטאַט פון א טעלעפאָנישער פעראָרדנונג פון פי-נאַנץ-מיניסטעריום.

נײַע פּאָסט-מאַרקען.

די הויפּט-דירעקציע פון דער פּאָסט און טעלעגראף גיט ארויס נײַע פּאָסט מאַרקען אין דער ווערט פון 24 גראָ-שען אויף קאָרעספּאָנדענץ קײַן עסטרײַך, טשעכאָסלאָוואַקײַען, רומעניען און אונ-גארן און אויך פּאָסט-קאַרטען מיט מאַרקען פאר 20 גראָשען.

די אויסלענדישע קאַרטען פון ביז-איצטיגען פרײַז זענען ווײַטער גילטיג, ביז זײַ וועלען אויסגעשעפּט ווערען.

רעקורסען וועגען אבראַמאָוויטש-שטײַער קען מען אָבגעבען ביז'ן 1 יוני.

דער טערמין פון אָבגעבען רעקור-סען אויף דעם אבראַמאָוויטש-שטײַער פאַר'ן צווייטען האלבען יאָהר 1925 איז פערלענגערט געוואָרען ביז'ן 1 יוני ד. י.

די קינדער פאָרשטעלונג אין „נאָוואָשצי״.

זונטאג, דעם 9 מאי איז פאָרגעקומען אין טעאַטער „נאָוואָשצי״ א זעהר אינטע-רעסאַנטע פאָרשטעלונג, וועלכע האט ארויס-גערופען בײַ אונז, די פער'בשוף'טע פאַנטאַס-טישע וועלט פון מעשיות, מען האט אויפגע-דערפריהלט די ערינערונגען פון די ליכטיגע קינדער יאָהרען.

דאס רײַך פערזאַמעלטע פּובליקום, האט נישט געשפּאָרט קײַן אַפּלאָדיסמענטען. דער פרעהליכער חברה קאַרועלקעס—וועלכע האָבען בעצויבערט מיט זײַערע טענץ.

א אויפמערקזאַמקײַט פערדינט די קלײַנע קרישא הינער, וועלכע בעקלאגט זיך אויף די אונטער ערדישע פיגמערנישען, און זעהר געמיטליך בעטש מיט א קינדערישען פּאַטאָס האט זי בערוהיגט די שול. פון 1 קלאַס ג. אײַיזען, וועלכע האט גלײַכזײַטיג מיט זעהר עלאַסטישע און פּלאַסטישע בעוועגונגען, "חי אנ'אַסט'ע קלײַנע באַלעריגאַ געטאַנצט צו-זאַמען מיט דער טאַלאַנטפולער לאה גיטלער ש ל. פון קלאַס „צע״.

דאס קלײַנע פער'בשוף'טע וועלטל האט האט אויך געהאַט זײַנע אַמענע לײַדען, (וועלכע ס'האָבען מיטגעפיהלט דאס פּובליקום.)

דער קלײַנער קאַרלעק בעקלאַגט זיך אויף א הינדערליך שענעס אופן אין א לידעל, דאס די חבורה וומער-פײַגעלעך זענען איהם אוועק אין וואַלד אויף א בעזונדערע בעמערקונג פערדינט וועלקאָוויץ שיל. II קל. פון וועלכע עס האט געשײַנט די שכינה פון אנ'אַסט'ן קעניג, ווען זי האט שפּאַצירט איבער איהר מדינה, די וועלכע צוואַמען מיט ם. אש. שיל. קל."III בעת זײַ האָבען געזוכט די פער'בשוף'טע בלום, ספּעציעל מיט זײַערע לידער, וועלכע האָבען טיף אַרײַנגעדרונגען אין דער נשמה פון יעדען צוהערער.

מיט א ספּעציעלער דיסטינקציע און שע-נער אויספּראַך האט זיך אויסגעצײַכענט רבקה'לע הורוביץ שיל. פון קל. „צע״.

אויסגעצײַכענט גוט האט פערשטאַנען און ערפילט איהר ספּעציעל שווערע ראָלע, אלס לך נחת-שטערענזים, וועלכע האט דאס פּוב-ליקום מיט איהר השתתפות מיטגעריסען.

צו בעזונדערן איז געווען די קלײַנינקע שיל פון קל. "„צע״ קומליצקא אין איהר ראָלע.

בעצויבערט האט אלע אין 1-טען אקט דער ריטמישער טאַנץ פון פריהלינג, דער לײַכט פליהענדיגער טאַנץ פון די זומער-פײַגע-לעך.

אין 2-טען אקט דער קאָמישער טאַנץ פון די דאבליקעס, וועלכע האָבען געפײַערט זײַער יום-טוב און דער פער'בשוף'טער נאכט און מיטגעשלעפּט פון פיעל שמחה די אל-טיטשקע באָבע.

גאַנץ אונערוואַרטעט און דערפאר נאך א גרעסערן רושם האט געמאכט אין 3 טען אקט, דער טאַנץ פון די ליכט-ווערעמלעך, ווען מען האט דערזעהן נאָך דעם אויפהוי-בען פון דער פּערהאַנג, אויף דער טונקעלער סצענע נאָר די פינקעל פּעמרלעך, וועלכע האָבען זיך אָנגעהויבען צו בעוועגען, אין שפּעטער אין פולען ליכט פון די רעפלעקטאָ-רען צו שפּרינגען ווי ווערעמלעך.

עס איז נאר צו בעדויערן דאס צוליב דער שפּעטער צײַט און דעם צואײַלען פון דער דירעקציע פון „נאָוואָשצי״ זענען די לעצטע עפעקטען פון ארויסרופען די וואלד-רוחות נישט געווען געגוג בולט.

דער שול-דירעקציע קומט אויסצודריקען די פולע אנערקענונג פאר די ארטיסטישע פאָרשטעלונג וועלכע זי האט אײַנגעאָרדענט פאר דעם פּובליקום, און וועלכע פ'איז א וועלטענהײַט אין אונזער שטאָדט.

X.

פון „בית לחם״.

דער „בית לחם״ האָט יעצט אויך איבער זיינע כחות בעזיזען צו מאכען א טיילונג פון פראָדוקטען אויף שבועות פאר העכער 400 בכבוד'ע פאמיליעס.

עס איז זעהר נעהאָונגען, אז יעדער איינציגער בעל־בית האט נאך ניט ארייננעטראָגען א נדבה פאר דעם „בית לחם״ אויף יום־טוב אלס שטיצע פאר בכביד'ע פאמיליעס, איז ער מחוי'ב צו טהוען לויט'ן אויפרוף פון הרב והאד״מורים שליט״א אין אונזער שטאדט.

דער מארק זאוואָדא.

אין קורצען דארף רעאליזירט ווערען דער פראָיעקט פון צאָנען דעם מארק אין זאוואָדא. דער ראזינער מארק זאָל זיין בעשטימט אויסשליסליך אלס ארט וואו עס זאָלען קענען אין די האנדעלס טעג שטעהען די דארפישע פוהרען, וועלכע פולען אין דעם גאַנ־צען און אלטען מארק, און זיי שטערען די בעוועגונג פון האנדעל אין די רע־ווינע טעג.

דער נייער און דער אלטער מארק וועלען פערבלייבען ווי ביז איצט האנ־דעלס פונקטען, וועלכע וועלען אזוי ארום האבען פריי פלאץ פאר זייער ענטוויקלונג.

ווי מען טיילט מיט זענען אבסאָלוט נישט בענריגדעט די השערות פון סוחרים. אז דער האנדעל זאָל איבער־טראָגען ווערען מיט דער צייט קיין זאוואָדא.

אויב עס וועט אמאל געשעהען מוז עס נאך געדויערן א מעהרערע צאָהל יאָהרען.

דערווייל איז די פראגע נישט אק־טועל.

לעבענסמיטעל שטיצע פאר אָרימע.

דער מאגיסטראט האט אין משך פון די לעצטע פיער מאָנאטען פון יאנואר ביז מאי ארויסגעגעבען דער אָרימער בעפעלקערונג אין פאָרם פון שטיצע 8 גרעסערן קוואנטום קארטאָ־פעל און קויהלען.

איצט האט דער מאגיסטראט די ראָזינע אקציע ל קוידירט, האלטענ־דיג, אז זומער צייט קאָן מען זיך גע־פונען פערשידענע בעשעפטיגונגען ביי פערשידענע ארבייטען.

בלויז אין פאלען פון אויסערגעוועהנ־ליכע נויט גיט דער מאגיסטראט ארויס געלד שטיצע אין זעהר א קליינע סומע, צוליב דעם גרויסען געלד מאנגעל, וועלכען דער מאגיסטראט לעבט איי־בער.

אויף די געוועזענע חנאות האט דער מאגיסטראט ארויסגעגעבען שטיצע אר־בייטסלאָזע אין א סומע פון 27 טוי־זענד זל. פון וועלכע 15 טויזענד זע־נען געדעקט געוואָרען פון דער שטאר־טישע קאסע.

רעגיסטראציע פון קינדער.

ווי דער מאגיסטראט טיילט מיט וועט אין די נאָהנטסטע טעג אדורכגעפיהרט ווערען א רעגיסטראציע פון שול־קינ־דער ד. ה. פון די קינדער וואס זענען געבוירען געוואָרען אין די יאָהרען 1925—1913.

די רעגיסטראציע וועט ארורפגע־פיהרט ווערען מיט'ן צוועק צו רעא־ליזירען דעם פלאן פון אלגעמיינעם אבלי־גאטארישע בילדונג.

באהן־הנחות פאר קור־געסט.

פון 15 ה. ח. הויבט זיך אין אלע קור־ערטער אָן דער זומער־סעזאָן. אויף דער ביטע פון די איינגענטימער פון די באָר־ערטער האט די רעגירונג בע־שלאָסען צו געבען א הנחה פון די באהן־בילעטען אין דער גרויס פון 66 פראָצענט, פאר די וואס פאָהרען אויף קוראציע.

אזוי וועלען די פערזאָנען וואס פאָהרען ארויס פון טשענסטאָכאָוו אויף קוראציע אויסקויפען א פולען בילעט און ביים אהיימפאָהרען וועלען זיי טויט'ן סמך פון א בעשייניגונג פון דערמאָהנטען קור־ארט בעקומען א הנחה פון 66 פראָצענט פון דעם בי־לעט אויף צוריקקעהרען, די אלגעמיינע הנחה וועט דעריבער בעטרעפען 33 פראָצענט.

דער נייער רייזע־פלאן.

אין היינטיגען נומער פון אונזער צייטונג וועלען די לעזער געפונען דעם נייעם רייזע־פלאן וואס איז איינ־געפיהרט אין קראפט דעם 15 ד. ח.

איינע פון די וויכטיגסטע ענדערונ־גען פון דעם היינטיגען רייזע־פלאן איז דאס פערגרעסערן די שנעלקייט פון גאנג פון די באהנען, אזוי אז די באה־נען וואס געהען קיין קראקא, לעמ־בערג א״א״וו וועלען פאהרען מיט דער שנעלקייט פון 75 קמ. א שעה, אנש־טאט ווי ביז איצט 60 קמ.

דירעקטע סחורות־קאָמוני־קאציע מיט רוסלאנד.

אין אויפהערען די באהן־קאָנוויענץ צווישען פוילען און רוסלאנד אנהויבענדיג פון 15 ה. ח. איז נעווארען איינגעפיהרט א דירעקטע באהן־פער־בינדונג פאר'ן טראנספאָרט פון סחורות קיין רוסלאנד.

די סחורות פון פוילען וועלען קאָ־נען געשיקט ווערען אויף פראכטען אויפ'ן גאנצען נעגענד ביז'ן בעשטימ־טען אָרט, אהן ספּעציעלע רעקספּע־דיציע אויף דער גרענעץ ליניע.

וועגען מעדיציגישע הילף פאר ארבייטסלאָזע.

אין הסכם מיט דעם בעשלוס פון שטאָדט־ראט וועגען נעבען מעדיציגישע הילף ארבייטסלאָזע האט דער מאגי־סטראט לעצטענס די ראזיגע פראגע בעטראכט און בעשלאָסען צוצוטרעטען צו פיהרען אונטערהאנדלונגען וועגען דער גרויס פון צאָהלונג פאר די דאָק־טוירים, פעלשער'ס, אקושערען און דענטיסטען פאר'ן היילען די ארבייטס־לאָזע.

אזוי אז שוין אין דער וואָכענטער צייט וועלען די דערמאָהנטע אונטערשטי־צונג'ס ארבייט שוין איינגעפיהרט ווערען.

פון קינא „נאָווי״.

מוטער'ס! אויב איהר האט אייערע קינדער געגעבען דאס לעבען ווערפט זיי נישט אוועק אויפ'ן שוועל פון דא־זיגען לעבען.

וועגען דעם וועט אייך ערלערנען די אמעריקאניש־יודישע לעבענס־דראמא אין 8 אקטען, וועלכע ווערט געשפּילט מיט גרויס ערפאָלג אין קינא „נאָווי״, א. ד. ט. „די מיידעל פון דער יודי־שער גאס״.

אזא עקס־יודיש בילד איז שוין לאנג נישט געזעהן אין טשענסטאכאוו.

פון דער רעדאקציע:

אין רעדאקציע איז אנגעקומען א בריוו לויט וועלכען די ה״ה יעקב מאנקאָווסקי, מנחם רייכמאן און נודעלמאן ערקלערען, אז די מעל־דונג וועגען זייער ארויסטריט פון דער פארטיי „פועלי ציון״ צ. ס. פ. שטימט נישט מיט דער ריכטיגקייט. זיי זענען אויך ווייטער אין דער פּארטיי פערבליבען.

צוליב מאנגעל אין פלאץ וועלען מיר דעם בריוו געבען אין נעכסטען נומער.

נדבות אין רעדאקציע.

פאר „בית לחם״:

ט. סוּדאַיטש 6 זל., ח. בראָניא־טאָיסקי 5 זל., ד״ר ערהארד קאָהן 5 זל., מ. אידעלמאן 3 זל., ר. פישמאן 2 זל., א. קאמינסקי 1 זל.

רייזע־פלאן

פון די פאסאזשיר־צוגען וואס קומען אָן און געהן אָב פון סט. טשענסטאָכאָוו פון 15 מאי 1926.

קומען אָן:

פון װאַרשא: 7,25; 12,44; 16,25; 18,08x; 19,08x; 22,53x*; 2,59x; 3,52; 5,08.

פון לאָדז: 20,40; 1,13.

פון קראקא: 3,41x*; 13,29; 17,11x; 23,34; 2,04; 3,11x.

פון קאטאָוויץ: 7,30; 10,59; 11,35x; 14,20; 16,47; 20,05; 1,00.

פון הערבי: 7,40; 10,40; 14,55; 17,53; 21,36.

פון קעלץ: 7,48; 10,50o; 18,50

געהען אָב:

קיין װאַרשא: 3,47x*; 11,07; 11,42x; 13,39; 17,17x; 18,00; 23,42; 1,08; 3,18x.

קיין לאָדז: 5,45; 2,11.

קיין קראקא: 12,53; 19,14x; 22,59x*; 1,21; 3,06x; 4,02.

קיין קאטאָוויץ: 8,05; 11,15; 15,00; 16,35; 18,14x; 21.00; 5.16.

קיין הערבי: 6.00; 11.25; 14.35; 16.55; 21.15.

קיין קיעלץ: 4.05; 8.30o; 15.15.

בעמערקונג: x בעצייכענט שנעל־צוג.

o בעצייכענט צוגען, וועלכע קורסירען פון I/VI ביז'ן 15/IX.

* „ „ „ „ „ „ 15/VI „ 15/IX.

די נייע ערעפענטע קירזשנער־ווערקשטאַל פון ס. א. בירנבוים 1 אלעע 1 אין הויף
נעמט אן אלעראָרט קירזשנער ארבייט, נייע און אומארבייטונגען פון אלטע.
די ארבייט ווערט רעעל און פונקטליך אויסגעפערטיגט צו די צוגענגליכסטע פרייזען.
מיט אכטונג ס. א. בירנבוים
אלעע 1 אין הויף.

NAJLEPSZY PROSZEK DO PRANIA
NADAJE BIELIŹNIE ŚNIEŻNĄ BIAŁOŚĆ
J.M. WENDISCH SUKC. S.A. TORUŃ

KUNEROL
כשר
100% ריינער פעטס פון קאקאס־ניס
דאס בעסטע צום
קאכען
באקען
און פרעגלען
ביליג און זעהר שפּאָרזאם.

טעאטער נאָוואָשצי אלעע 12.
עקראן און סצענע צוזאמען.

פראָגראם פון דאנערשטאג דעם 20 ביז זונטאג דעם 23 מאי.
גרויסע דראמא אין 8 אקטען געשטיצט אויפ'ן באָדען פון דער גרויסער וועלט־קריג א. ט.
CZARNY ANIOŁ
אויף דער סצענע: די שטערן פון דער עסטראדע אויפ'ן אלגע־מיינעם פערלאנג פון פובליקום אידא טרוועסט (זינגערין)
דועט מעלטרוויל נייע סענסאצ. - אקראָבאטישע טענץ.
ק. נאלענטשובנא פיהרט אוים נייע טענץ.
י. שטשיוואַרסקי פולט אוים דעם פראָגראם.

קינא „נאָווי״ 2 אלעע 43.
סצענע און עקראן צוזאמען.
פראָגראם פון מיטוואָך, ד. 19 און ווייטער.
א בילד ספּעציעל פאר יודען!
דאס מיידעל פון דער יודישער גאס
אדער די טראגעדיע פון א אונטערוואָרפענעם קינד
יודישע לעבענס־דראמא אין 8 אקטען. יודען קיינער פון אייך דארף נישט ארורכלאָזען די געלעגענהייט.
אויף דער סצענע: טריא ראסין בעריהמטע טענצער פון וויענער „בורג־טעאטער.“ ט. יאשקאָווסקי עקסצענטריק־הומאָריסט. פ. פטלין פרוי—הומאָריסט, פירט אוים מאסקים גארקים טיפּען.

Ceny ogłoszeń: Za wiersz milimetrowy przed tekstem 24 gr., za tekstem 18 gr., w tekście 60 gr. — Szerokość kolumny obejmuje 8 szpalt ogłoszeniowych.
Redaktor Izrael PŁOCKIER Wydawca B. BOCIAN Druk. B. BOCIAN I-sza Aleja № 5.